STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04754

LEBENS-GESHIKHTE FUN VELT-GOEN RABI YITSHAK ELHANAN ZATSAL

Notelis Lipsicas

Permanent preservation of this book was made possible
by David & Muriel Derrow
in memory of
Abraham & Eva Bernstein and Elias & Anna Derrow

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

לעבּענס־געשיכטע פון וועלט־גאון
רבּי יצחק אלחנן זצ"ל

יצחק אלחנן

אַרויסגעבּער

נטע הלוי ליפּשיץ

ווילִיאַמפּאָלע (סלאַבּאָדקא)

ליטויען.

דרוקעריי ש. יאָסעלעוויטש. קאָוונע. לוקשיאַ גאַס 31

Žymaus Kauno Vyresniojo rabino **Icchoko Elchonono biografija**

Leidėjas: **NOTELIS LIPŠICAS**, Vilijampolė.

Copyrighted by Notel Lipschitz 1929

Vilijampolė (Lietuva)

איסור השגת גבול ידוע הן בדין תוה"ק והן בדינא דמלכותא

Alle rechte vom Verleger vorbehalten.

נאָכדרוק שטריינג פערבאָטן.

ה׳ יברכנו׳

פארווארט·

צריך האדם להתחבר לצדיקים ולישב אצל החכמים תמיד
כדי שילמוד מעשיהם (רמב״ם הלכות דעות פ״ו)·

זייענדיק דער זון און דער הויפט־מיטארבעטער פון מיין בארימטן זעליגן פאטער הרב החכם הכולל זקן עסקני הצבור ר׳ יעקב הלוי ליפשיץ ז״ל׳ אין זיינע וויכטיקע כלל־ארבעט׳ וועלכער איז געוועזן מער ווי דרייסיק יאר דער פערזענליכער הויפט סעקרעטאר און רעכטע האנד פון וועלט־גאון רבנו יצחק אלחנן זצ״ל׳ בין איך אויפגעפאדערט געווארן פון פיל פערהערער פון גאון׳ צו פערעפנטליכן א י צ ט א אויספירליכע ביאגראפיע פון גאון׳ס לעבן׳ פון זיין צדקות און מעשים טובים פארן כלל און פרט׳ וואס איך האב די אלע פאקטן מקבל געוועזן פון מיין פאטער ז״ל שריפטליך און מונדליך·

ווי באוואוסט׳ האט מיין פאטער ז״ל נאך אין די יארן 1896—97 פארעפנטליכט אין העברעאיש דעם גאון׳ס ביאגראפיע ״תולדות יצחק״ און אין אידיש ״גאון יצחק״׳ אבער צוליב די פיל יארן וואס זיינען אריבער׳ איבערהויפט צוליב די וועלט־מלחמה׳ זיינען פיל פון יענע ספרים פארפאלן געווארן׳ און כמעט גאר ניט בנמצא·

דאריבער געפין איך פאר וויכטיק צו ערפילן דעם וואונש פון פילע ברידער און שוועסטער אין דער ברייטער וועלט׳ כן ירבו׳ פאר וועלכע די אידישע שפראך איז זיי בעסער פארשטענדליך׳ זיי זאלן האבן די געלעגנהייט צו זען׳ ווי און אין וועלכער ארט עס האט געלעבט אזא גאון׳ און ווי ער האט זיך אויסגעצייכנט מיט גאונות׳ צדקות׳ מדות טובות ומעשים טובים· דאריבער האב איך א י צ ט געמאכט א פרייע איבערזעצונג פון ״תולדות יצחק״ אין אידיש׳ מיט׳ן נאמען ״לעבנ׳ס געשיכטע פון וועלט־גאון רבי יצחק אלחנן זצ״ל״ וועלכע מיר איז געלונגען צו בערייכן דעם ספר מיט נאך וויכטיקע מאטעריאל פון גאון׳ס לעבן׳ אין זיינע גרויסע כלל ארבעט׳ און צוזאמען וועט עס געבן א בילד ווי א מענש האט איינגעארדנט זיין לעבן איבערהויפט פארן כלל און פרט· אונזערע ברידער און שוועסטער וועלן האבן א קוואל פון עטיק פון מוסרי׳ פון וועלכן יעדער מענש קען אויסשטעלן גוטע מדות פאר זיך און פאר זיין סביבה·

די ביאגראפיע׳ וואס איך גיב איצט איבער דעם לעזער־פובליקום׳ ענטהאלט ניט קיינע סוביעקטיווע באטראכטונגען׳ קיינע ניט באגרינדעטע פאקטן וואס זיינען על פי השמועה געזאמלט געווארן; דאס איז א פראדוקט פון א ב י ע ק ט י ו ע באטראכטונגען׳ א זאמל־מאטעריאל פון פארשידענע היסטארישע ערייגערונגען׳ מיט וועלכע עס איז איינג צוזאמענגעבונדן די גרויסע וועלט בארימטע פערזענליכקייט פון דעם גאון ז״ל·

מערסטנס וואס ווערט אין דער ביאגראפיע געשילדערט׳ האט מיין פאטער ז״ל ב י י ג ע וו א ו י נ ט· די פאקטן וועלכע זיינען פארגעקומען פאר זיין איבער־

נעמען דעם אמט אלס הויפט סעקרעטארי, האט מיין פאטער ז״ל געשעפט פון אויטענטישע קוועלן, פון גאון זעלבסט, פון זיין זון הגאון ר׳ הירש ז״ל — וואס האט פארנומען „קאוונער רבנות״ נאך זיין פאטער׳ס פטירה, אויך פון פערזענליכע פריינד פון גאון; די ביאגראפיע איז אלזא א היסטארישער דאקומענט פון א גוואלדיקער פערזענליכקייט, וואס איז געשטאנען צענדליקער יארן ביים רודער פון גאנצן אידישן כלל־לעבן, און אלס אפשפיגלונג פאר די קומענדע דורות, איבערהויפט פאר דעם איצטיקן דור הצעיר, וואס דאס האט אן אומגעהויערע באדייטונג.

פילע פון די, ניט האבנדיק די געלעגנהייט צו זען דעם גאון, דעם צדיק, ניט פארברייגענדיק צייט אין זיין געזעלשאפט צו קענען באטראכטן, באוואונדערן זיין לעבן, זיינע מעשים טובים, זיך אפצולערנען פון זיין מוסר און מדות, קענען דאס דערגרייכן דורך לעזן אן אויספירליכע ביאגראפיע פון גאון, אין וועלכע עס ווערט געשילדערט אן אמת׳ער בילד פון זיין גאנצע פערזענליכקייט, און עס דערוועקט זיך דאמיט אין הארץ פון יעדן ערליכן איד, דאס שטרעבן צו גיין אין זעלבן גוטן וועג, נאכצוטאן די זעלבע מעשים טובים, און צו פארפאלקאמען זיך לויט דעם מוסטער פון דעם וועלט בארימטן גאון און צדיק ר׳ יצחק אלחנן זצ״ל!

אונזערע גאונים וצדיקים זיינען געווען די פארקערפערונגען פון די תורה־שטרעבונגען וועלכע זיינען געווען אריינגעדרונגען טיף אין זייער הארץ, אין זייער נשמה, פאר וועלכע זיי זיינען געווען גרייט זיך מוסר נפש צו זיין; און אט דאס לעבעדיקע בילד פון א גרויסן גאון וצדיק, וואס האט שטענדיק פאר די אויגן פון זיינע אנהייגנער, פאר אלע, וואס האבן אים געזען, געהערט, און געהאט די געלעגנהייט צו לעבן אין זיין סביבה, דאס האט געגעבן כח דעם אידישן פאלק, וואס וואנדערט שוין צוויי טויזנט יאר אין גלות, איבערצוטראגן אלע אומגליקן ר״ל פון פינסטערן גלות, און דאס איז געווען די קראפט פון וואנענד עס האט זיך ביז היינט געצויגן דאס עקסיסטענץ פון די ערהאבענע אידישע פאלק!

מיר זיינען, טראץ דעם גלות, די אונטערדריקונגען און פארפאלגונגען, געבליבן אן עם חכם ונבון, א פאלק מיט הויכער מאראל, מיט שיינע מדות, די גאונים וצדיקים האבן געהאט א גרויסע השפעה אויף זייער דורי, און גלייכצייטיק האט דאס גרויסע ליכט פון גאון באלויכטן אפילו די ווינקעלעך פון די מענשן, וואס האבן געהאט א קנאפע ידיעה אין דער תורה.

דאדורך זיינען די ביאגראפיעס פון תלמידי חכמים אן ארט „האנדבוך״ וואס יעדער קען זיך דאמיט באנוצן און זען, ווי מען דארף רעאגירן אין דעם אדער יענעם פאל, און ווי א איד דארף זיך בענעמען אנצוטרעפן די געשעהענישן פון לעבן; ומצדיקי הרבים יזהירו ככוכבים לעולם ועד (דניאל י״ב י״ג), די גרויסע צדיקים שיינען ווי די שטערן אייביג, ד. ה. זיי לייכטן מיט זייער תורה, דעם לעבנס־וועג פון יעדן איד, ווי שטערן לייכטן אין דער נאכט, און אפילו בייטאג ווען זיי זעהען זיך ניט, עקסיסטירן זיי דאך, ווי די לבנה וועלכע האט קיין אייגענע שיין, נור איז אן אפשפיגלונג פון די זון, און דאך

באַלייכט זי די פינסטערניש פון דער נאַכט, אַזוי לייכטן אויך די צדיקים דורך דער אָפּשפּיגלונג פון דער תורה, און זיי פאַרשפּרייטן זייער ליכט און שיין אין דעם לאַנגן פינסטערן וועג פון גלות. די ביאָגראַפיע פון גאון וצדיק קען אונז נוצן צו ווערן באַשטראַלט און באַלויכטן פון דעם אור תורה פון גאון.

* * *

טייערע לעזער! די ביאָגראַפיע פון גאון רבי יצחק אלחנן ז״ל, כמעט דער גרעסטער גאון פון זיין דור, און די פּאָפּולערסטע פּערזענליכקייט וועלכע מיר האָבן פאַרמאָגט, איז אַ לעבנס־געשיכטע פון אַ מענשן וואָס האָט דורך זיינע פיייִקייטן, ענערגיע און ווילנס־קראַפט, דורך זיין יגיעה אין תורה, צדקות, און מעשים טובים — געשאַפן אַ נייע עפּאָכע אין דער אידישער געשיכטע. ער האָט געפונען אַ נייע שיטה אין פּלפּול און ענטפערן שאלות ותשובות; ער האָט ווי אַ לעבעדיקער קוואַל געשפּרודלט אין אַ משך פון זעכציג יאָר מיט תורה און מעשים טובים פאַר זיין גאַנצן דור. פון אַרבע פּנות העולם זיינען אָנגעקומען שאלות ותשובות צו אים, און ער מיט זיין חכמת התורה, האָט אַלעמען געענטפערט הלכה למעשה.

זעכציג יאָר נאָכאַנאַנד האָט ער משמש בקדושה געווען אין פיל אידישע שטעדט. 40 יאָר איז ער געווען רבן של כל בני הגולה, און חוץ אין לומדות, איז ער אין די 40 יאָר געשטאַנען בראש פון דעם גאַנצן כלל ישראל, און זיך אינטערעסירט מיט דעם פּאָליטישן און סאָציאַלן מצב פון דאָס אידישע פאָלק.

די שטאָדט „קאָוונא" וואו ער האָט פ״ל יאָרן געלעבט, איז אין זיין צייט און ביי זיין לעבן געוואָרן אַ תורה צענטרום פאַרן גאַנצן כלל ישראל, און אויך אַ אָרט פון וואַנענד עס זיינען אויסגעוואַקסן פירער פאַרן פאָלק. זיין פּאָפּוליאַריטעט אַלס גאון און צדיק צווישן דער יידישער וועלט, האָט זיך אויך פערשפּרייט צווישן אונזערע גרעסטע פילאַנטראָפּן און עסקני הצבור, וואו ער איז בעליבט און געאַכטעט געווען, קיין שום אידיש־אָרטאָדאָקסישע אַקציע איז ניט געוואָרן אונטערגענומען אָן די עצה און אָן די איניציאַטיווע פון דיזע גרויסע פערזענליכקייט. און אויב עס האָט געטראָפן, חלילה, אַן אומגליק, אַ שריפה, אַ הונגער, אַ גזירה דעם כלל אָדער דעם פרט, האָט דער גאון אויף דעם גלייך רעאַגירט, און אין די טויזענדער רובל פלעגן איינפליסן, ווען די גרויסע מיליאָנערן פלעגן זיך אָפּענטפערן אויף זיין וואַרימן רוף, צו העלפן די עלענדע און די נויטבעדערפטיקע. ווען עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגן אַ גזירה, ח״ו, פלעגט ביים גאון אין הויז באַלד אָנגענומען ווערען פערהיטונגס־מיטלען, און עס פלעגט דאָרטן אויסגעאַרבייט ווערען דער געהעריגער פּלאַן, די גזירה רעה צו בעזייטיגן. כאַראַקטעריסטיש איז, אַז לויט זיין איניציאַטיוו, איז געזאַמלט געוואָרן אין זיינע לעצטע יאָרן, אַ מיליאָן רובל לטובת כלל־ישראל, אַ סומע וואָס האָט נור געקאָנט געזאַמעלט און פערטיילט ווערען, דאַמאָלסט, נור אַ דאַנק אַזאַ גרויסן אויטאָריטעט. פיל אידיש חרוב׳געוואָרענע שטעדט האָט ער ווידער אויפגעבויט, צענדליגער ישיבות און בתי מדרשים זיינען דורך אים געגרינדעט געוואָרן. דער גאון איז געווען דער לעבענס־נערוו פון כלל ישראל, דער קוואַל פון הילף פאַר אַלע אומגליקליכע און ליידענדע, זיין השפעה, איז ניט נור גע-

ווען גרויס צווישן אידן אליין, נור אַפילו ניט־אידן פלעגען זיך אויף פיל מאָל אָנשליסן אין אַ רעטונגס־אַקציע פאַרן כלל ישראל, ווען דער גאון האָט זיי אויפגעפאָדערט, און דורך זיין חכמה און טאַקט האָט ער געקענט פעראייניגן פערזאָנען פון פערשידענע אַנשויאונגן און מיינונגן, דאָס זיי אַלע האָבן נאָכ־דעם האַרמאָניש און אין קאָנטאַקט געאַרבייט, ווען עס האָט זיך געהאַנדעלט לטובת הכלל.

און ווי צופרידן איז ער געווען, ווען ער האָט זוכה געווען זיך צו ער־קונדיגן, אַז עס איז אים געלונגן צו פערלייכטערן אַ גזירה, ווי „מלמדים גזירה" וואָס האָט גאַנצע דרייסיג יאָר בעשווערט דעם לימוד התורה; אָדער דאָס אָ־ראָפּנעמען דעם פאַרבאָט פון דעם לימוד התלמודי, וואָס רעכענט זיך אַלס די נשמה פון אידישן פאָלק, ווי אויך די חדרים און נאָך פערשידענע גזירות, וועלכע עס איז געלונגן צו בעזייטיגן, אַדאַנק זיינע ענערגישע השתדלות ב"ה אָנגוועגדעניג זיין השפעה אויף אַלע קרובים למלכות פון יענער צייט.

די ביאָגראַפיע האָט דעם צוועק, צו שילדערן די הויפּט־שטריכן פון גאון, און די וויכטיגסטע געשעהנישן וועלכע ענטהאַלטן אַ היסטאָ־רישע בעדייטונג. דאָס ספר קען דאַריבער נוצן אַלס אַ ספר פון מוסר און מדות פאר די לעזער, וועלכע וועלען געוויס אייגזען די מאָס מסירות נפש און ליבע צום כלל ישראל, וואָס דער גאון האָט בעוויזן צו אילוסטרירן אין זיינע יאָרן.

די ביאָגראַפיע שעפּט ניט אויס אַלע אייגנצעלהייטן פון גאון'ס פערזענליכ־קייט. עס ווערט, ווי ביי אַ סוחר, אין די ביאָגראַפיע, פאָרגעלייגט מוסטערן פון דער רייכער ערהאַבענער נשמה, כדי יעדער לעזער זאָל דאַדורך קענען אורטיילן וועלכע אייגענשאַפטן, גאונות און צדקות האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט אין די פערזענליכקייט פון גאון.

און דאָ מוז ווערען נאָכאמאָל אויפמערקזאַם געמאַכט דעם געערטן לעזער, אַז בעצאַרבייטענדיג דאָס גאַנצע מאַטעריאַל פון דער ביאָגראַפיע, איז געווען דער צוועק ותכלית, ניט נור צו שילדערן זיין לעבן אַליין, נור איבערהויפּט צו געבען דעם לעזער אַ ספר המדות, אָנווייזענדיג וועלכען וועג עס האָט אויסגעטראָטן אַ אידישער גאון אין לעבן, זיין רייכע פערזענליכקייט, זיין מוסר־דיקע עטהישע טעטיגקייט, און אילוסטראַציע פון זיין הטבה און חסד קענען דינען אַלס קוואַל פון מוסר היהדות, אלס ריכטיגע לערע פון די דרכים שבין אדם לחבירו און בין אדם למקום, איבערהויפּט פאַר דעם יעניגן, וואָס וויל לעבן ווי אַ גרויסער גאון.

זיין זכות זאָל אויף אונז אַלעמען אייביג ביישטעהן!

נטע בהרב יעקב הלוי ז"ל ליפשיץ

יום ג' לס' „אז ישיר" תרפ"ט.

ווילִיאַמפּאָלע (סלאַבאָדקא) ליטויען.

מיין אַדרעס: NOTEL LIPSCHITZ

VILIJAMPOLE

LIETUVA LITHUANIA

לעבנס־געשיכטע פון וועלט־גאון
ר׳ יצחק אלחנן זצ״ל.

(דערציילט פון מיין פאָטער ז״ל *).

אין „ראָש״—אַ קליין שטעטל אין גראָדנער גוב.—איז אין יאָר תקע״ז**) געבאָרן געוואָרן ר׳ יצחק אלחנן זצ״ל.

זיין פאָטער ר׳ ישראל איסר בר׳ אלחנן זצ״ל—דער רב פון דער שטעטל. איז געוועזן זייער פּאָפּולער אין דער גאַנצער געגנט אַלס גאון און אַלס חכם.

זייענדיק רב אין אַ קליינע פּראָווינץ־שטאָט. האָט מען אים אָפט איינגעלאַדן אין די נאָענטע גרויסע שטעט. ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַ גרויסע דין־תורה. אָדער בוררות.

ר׳ ישראל איסר איז געוועזן אַ חסיד פון ר׳ חייקל אמדורער ז״ל. און נאָך ר׳ חייקל׳ס פטירה איז ר׳ ישראל איסר געבליבן אַ טרייער אָנהייגער פון ר׳ חייקל׳ס זון ר׳ שמואל ז״ל.

אין „ראָש״ האָט צו יענער צייט געלעבט אַ גרויסער למדן און ירא שמים אויך אַ חסיד פון זעלבן רבי׳ן ר׳ שמואל — און אויך מיטן נאָמען ר׳ שמואל— וועלכער האָט געהאַט אין „ראָש״ אָנהייגער. אָבער דער אויטאָריטעט פון ראָשער רב ר׳ ישראל איסר ז״ל איז געוועזן פיל גרעסער ווי דער אויטאָריטעט פון ר׳ שמואל׳ן. אויך די רביצין די מוטער פון ר׳ יצחק אלחנן ז״ל. איז געוועזן אַ אידענע אַ צדיקת. און האָט געשמ׳ט מיט אירע צדקות און מעשים טובים. רחל׳ע די רביצין איז געוועזן געאַכטעט און געשעצט צווישן אַלע שיכטן פון דער „ראָשער״ באַפעלקערונג.

הרה״ג ר׳ ישראל איסר האָט געהאַט פיר זין: ר׳ משה יוסף, ר׳ אברהם אהרן, ר׳ יצחק אלחנן, און ר׳ משה דוד ז״ל. ר׳ יצחק אלחנן פלעגט אָפט ריידן וועגן ר׳ אברהם אהרן מיט ליבע און אַכטונג. און האָט שטענדיק באַדויערט. וואָס ער איז יונגערהייט נפטר געוואָרן ניט איבערלאָזנדיק קיין יורש. ר׳ משה דוד איז נפטר געוואָרן אין ארץ־ישראל.

דער פייאיגסטער און ווי כ ט י ק ס ט ע ר זון איז געוועזן ר׳ יצחק אלחנן זצ״ל. אַלס קינד האָט ער שוין אַרויסגעוויזן איבערנאַטירליכע כשרונות. צוליב פאַרשידענע טעמים אָבער האָט דער פאָטער געהאַלטן בסוד די כשרונות פון זיין געליבטן זון. אויך ר׳ יצחק אלחנן זעלבסט איז שוין אין זיין יוגנט געוועזן אַ הצנע לכת. און איז שטענדיק געוועזן באַשיידן. ניט געריִמט זיך מיט

---

*) ווי־באַוואוסט, איז מיין באַרימטער פאָטער ז״ל געוועזן צענדליקער יאָרן דער הויפּט־סעקרעטאַר און די רעכטע האַנט פון דעם גאון הגאונים.

**) צום באַדויערן, האָט רבנו זעלבסט ניט געוואוסט אויף ריכטיג זיין געבורטס־טאָג.

זיינע פייאיקייטן און גרויסע ידיעות אין תלמוד. און ווייל דער איינציקער רבי זיינער איז טאקע געווען דער פאטער, האט מען פון דעם „יונגן עלוי" ניט געהערט. דער רבי האט דעם תלמיד ניט מפרסם געמאכט.

דורך א צופאל אבער איז ער פלוצלונג מפורסם געווארן, און די גאנצע געגנט האט זיך אנגעהויבן צו אינטערעסירן מיט דעם גייעם שטערן וואס באוויזט זיך אין דער לומדישער וועלט. געשען איז עס אפן דרייצנטן לעבנס-יאר פון דעם גאון, ער איז נאך דאמאלסט געווען א באשיידן יונג בחור'ל, א נחבא אל הכלים.

אין יענער צייט האט געשמ'ט דער באוואוסטער גאון און חכם „ר' משה ר' אורי'ס פון קיידאן".

דורכפארנדיק דאס שטעטל „ראש" האט ר' משה באזוכט דעם רבי, און צופעליק האט ער זיך דורכגעשמועסט מיט דעם יונגן בחור'ל, פון וועלכן ער איז געווארן זייער נתפעל. זיין חריפות און בקיאות האבן פשוט ערשטוינט דעם גאון. קומענדיק קיין „וואלקאוויסק" האט הגאון ר' משה פארגעשלאגן דעם גביר הנכבד ר' לייזער יעזערסקי — דעם יונגן גאון אלס חתן פאר זיין טאכטער שרה רייזע.

נאך קורצע אונטערהאנדלונגען צווישןביידע מחותנים, איז געשלאסן געווארן למזל דער שידוך, און די רביצין, וועלכע איז דערצויגן געווארן אין איר יוגנט אין עשירות און רחבות, האט זייענדיק די פרוי פון גאון דורכגעלעבט זייער קריטישע מאמענטן, עס איז געווען צייטן ווען די אמאליקע גבירי־שע טאכטער האט פשוט געהונגערט, אבער זי האט אלץ מיט זעלטענער מסירת נפש, אלץ מקבל באהבה געווען.

זי איז געווען א טיפ פון אנ'אמת'ע אשה צנועה, וואס האט פארגעטערט איר מאן, זיין תורה און יראת שמים, זיין צדקות און מדות טובות.

אין דער צייט ווען ר' יצחק אלחנן האט געלעבט אין דחקות, האט זי ווי א העלדין געקעמפט מיט דעם עלנט און איז געווען גליקלעך זעענדיק ווי איר מאן זיצט על התורה והעבודה. דערפאר האט זי טאקע געהאט דאס גליק שפעטער צו ווערן די באריימטע „קאוונער רביצין", די פרוי פון וועלט־גאון אין יענער צייט.

דער שידוך מיט ר' לייזער יעזערסקיס טאכטער, וועלכע איז געווען שפעטער די קאוונער רביצין, איז אייגענטליך געווען דער צווייטער שידוך. שוין אלס צוועלף-יעריקער אינגל האט דער ראשער רב זיך משדך געווען מיט א גביר, אבער דער שידוך איז בטול געווארן. געוויינלעך האט דער ראשער רב דערקלערט אז די כלה איז ניט ראוי צו זיין די פרוי פון יונגן גאון, און דער שידוך איז בטול געווארן.

דער עפיזאד וועלכע די מקורבים פון גאון האבן דערציילט מיין פאטער ז"ל, איז זייער כאראקטעריסטיש פאר יענער צייט, און עס ווארפט א ליכט אף דער ערציאונג פון א טייל אידישע הייזער אפילו אין יענער צייט.

ווען מען האט אים איינגעלאדן צו דער כלה אום צו פארהערן אים אין לערנען, זיינען געווען געלאדן אויך אורחים נכבדים און גרויסע לומדים. אפן

טיש איז געווען אנגעשטעלט פארשידענע קאנפעטורן. אונזער חתן אבער האט זיך אזוי פיל פארטיפט אין די פלפולים מיט די לומדים, דאס ער האט גאר נ״ט באמערקט וואס ער עסט... די כלה איז דאס ניט געפעליק געווארן און אויך איר מוטער האט צוגעשטימט אז זי וויל ניט אזא איידים...

דער קאוונער רב האט ווארשיינליך שוין לאנג פארגעסן געהאט דעם גאנצן פריילעכן עפיזאד מיט דער באַרישער כלה, בעת ער איז שוין געווען א וועלט-בארימטער, און דורכפארנדיק אמאל „וואלקאוויסק״ כדי צו פארן קיין „ראש״ אף קבר-אבות, זיינען געקומען טויזנטער מענטשן צום גאון ער זאל זיי בענטשן. צווישן די פילע באזוכער, איז אויך געקומען א אומגליקליכע עלנ־טע פרוי בעטן א ברכה באם גאון. די אומגליקליכע עלנטע פרוי איז טאקע געווען די אמאליקע כלה, וועלכע עס איז ניט באשערט געווען צו זיין די פרוי פון וועלט-בארימטן גאון וצדיק... דאס לעבן האט זיך זיינע קאפריזן, און מען קען זיך פארשטעלן די לאגע פון דער אומגליקלעכער, זעענדיק דעם גרעסטן אידישן גאון וועלכע זי האט צוליב „קאנפעטורן״ ניט געוואלט אלס חתן!...

נאך פאר דער חתונה איז נאך ר׳ יצחק אלחנן׳ס מוטער געשטארבן. א האלב יאר נאך דער חתונה איז אויך דער „ראשער״ רב ר׳ יצחק אלחנן׳ס פאטער נפטר געווארן. בלייבנדיק א יתום איז ער געווארן אפהייניגיק פון זיי־נע שוויגער עלטערן, בא וועלכע ער האט לויט דעם מנהג פון יענער צייט געגעסן „קעסט״ און זיך מקדיש געווען לתורה ולעבודה.

גלייך נאך דער חתונה האט ר׳ יצחק אלחנן געלערנט באם גאון ר׳ אלי׳ שיק זצ״ל, וועלכער איז געווארן „לידער רב״ שפעטער האט ער געלערנט ביי וואלקאוויסקער רב הגאון ר׳ בנימין דיסקין זצ״ל, וועלכער האט געהאט אף דער ווייטערדיקער אנטוויקלונג און התנהגות פון ר׳ יצחק אלחנן זצ״ל א גוואלטיקע השפעה.

הגאון ר׳ בנימין דיסקין זצ״ל האט געהאט זין גאונים, צווישן וועלכע עס איז אויך געווען דער באוואוסטער גאון און צדיק ר׳ יהושע ליב דיסקין זצ״ל פון ירושלים. דעם וואלקאוויסקער רב׳ס הויז איז געווען א קוואל פון תורה. די גרעסטע גאונים פון יענער צייט ווי דער שעדליצער רב ר׳ ברוך מרדכי ליבשיץ, און ר׳ שבתי פיעסקער, ווי אויך אנדערע לומרים זיינען שטענ־דיק געקומען זיך מתפלפל צו זיין מיט דעם וואלקאוויסקער רב. דער „ראשער עלוי״ וועלכער איז אנגעקומען אין דער נייער לומדישער סביבה, האט זיך דערווארבן גרויס אכטונג ביי די אלע גאונים, און די גאנצע זעקס יאר, וואס ר׳ יצחק אלחנן איז געווען א סמוך על שלחן חותנו, האט ער פארבראכט גאנצע טעג אין רב׳ס הויז, וואו ער האט זיך געפילט זייער היימיש. מיטן רב׳ס זון הגאון ר׳ יהושע ליב זצ״ל האט ער צוזאמען געלערנט יעדן טאג, צוויי שעה, א שיעור פוסקים שו״ע, ובכלל געלערנט מיט התמדה.

די קאוונער רבצין פלעגט זייער אפט דערציילן א כאראקטעריסטישן איג־צידענט, וואס אילוסטרירט די מסירות נפש׳דיקע ליבע צו תורה און עבודה פון גאון אין זיינע יונגע יארן.

דעם נדן פון די דריי הונדערט רובל וואָס ער האָט באַקומען צו דער חתונה פון זיין שווער, האָט ער משליש געווען ביים גביר פון שטעטל, וועלכער האָט אַ קורצע צייט נאָך דער חתונה באַנקראָטירט, און דאָס יונגע פּאָר פאָלק איז געבליבן פלוצלונג בעירום וחוסר כל.

דער גאון האָט ווייטער פאָרגעזעצט זיינע שיעורים, ניט קימערנדיק זיך וועגן זיין גאַנץ פאַרמעגן; די פרוי אָבער האָט טאָג טעגליך אָפּגעקלאַפּט די שוועל באַם בעל חוב, שילדערנדיק אים זייער ביטערן מצב, און געבעטן רחמים ער זאָל איר כאָטש עפּעס צוריקגעבן. דער באַנקראָטירטער גביר האָט איר פשוט ניט געוואָלט געבן קיין תשובה; אַף אירע אַלע טענות האָט ער געזאָגט: „איך האָב באַ אייך קיין געלט ניט גענומען; זאָל קומען אייער מאַן וועל איך מיט אים דורכקומען”. די פרוי, די צוקינפטיקע רבצין, האָט טאַקע געגלויבט, אַז אויב דער מאַן וועט דעם חוב מאָנען, וועט ער עפּעס מציל זיין, האָט זי פאַרלאַנגט פון מאַן ער זאָל גיין צום בעל חוב. גראָד איז דער גאון דאַמאָלסט געווען פאַרטיפט אין א סוגיא מיט דער גרעסטער התמדה, און ער האָט ניט רעאַגירט אַף איר פאַרלאַנג, ער זאָל איצט גיין צום בעל חוב. די פרוי האָט פון גרויס צער אָנגעהויבן צו וויינען. דער פאָטער דערהערנדיק דאָס וויינען פון דער טאָכטער, האָט באַ איר געפרעגט די סבה, און זי האָט אים דערציילט, אַז דער מאַן לערנט אָן אַ אופהער און וויל ניט גיין מציל זיין זייער פארמעגן. דער פאָטער האָט רואיק אויסגעהערט אירע טענות, און האָט איר געזאָגט: מיין טאָכטער, איין מינוט לערנען פון דיין מאַן — איז טייערער, אַלס דער גאַנצער נדן וואָס איך האָב אייך געגעבן!

* * *

דער מאַטעריעלער מצב פון שווער האָט זיך פאַרערגערט, זייער נדן האָבן זיי פאַרלאָרן, און עס איז געבליבן דער איינציקער אויסוועג, אָנצונעמען אַ רבנות־שטעלע, פון וועלכע דאָס יונגע פּאָר־פאָלק זאָל האָבן, לכה״פ, לחם צר ומים לחץ... האָבנדיק היתר הוראות פון די גאונים ר׳ בנימין דיסקין, און ר׳ אייזיק טיקטינער זצ״ל, איז דער יונגער גאון אופגענומען געוואָרן אין יאָר תקע״ז אַלס רב אין שטעטל „זאַבעלין”. שכירות האָט ער באַקומען לויט דעם כתב־רבנות 5 פּוילישע גילדן (75 קאָפּיקעס) אַ וואָך! און ווייל דאָס שטעטל איז זייער צופרידן געווען פון נייעם רב, האָט מען דעם רב געהעכערט נאָך 1 גילדן די וואָך!...

אָבער לויט אַפילו די אַמאָליקע פאַרהעלטניסן, האָט דאָס אָרימע שכירות פון 90 קאָפּיקעס, ניט געגעבן די מעגליכקייט צו לעבן מיט ברויט און וואַסער. דער שווער האָט דאַדורך יעדן שבת געשיקט אַף שבת „חלה” און „פליייש”. דאָס לעבן אין דחקות און נויט ר״ל האָט אָבער ניט געהאַט קיין השפעה אַפן גאון, ער האָט זיך ווייטער פאַרטיפט אין לימוד התורה, און זיין התמדה אין יענע צייטן איז געווען איבערנאַטירליך! דער גאון האָט מיין פאָטער ז״ל אַליין דערציילט אַז אין יענע צייטן, זייענדיק רב אין „זאַבעלין” האָט ער און די פאַמיליע געליטן הונגער, אָבער ווען די פרוי פלעגט זיך באַקלאָגן אַפן דחקות,

דאַמאָלסט האָב איך גענומען די גמרא׳ זיך געשטעלט אין ווינקל׳ און שעה׳ן לאַנג געלערנט מיט התלהבות׳ דאַמאָלסט האָב איך אָן אלע צרות פאַרגעסן׳

עס זיינען געווען טעג אין „זאַבעלין״—האָט ער מיין פאָטער ז״ל דערציילט — ווען איך האָב געלערנט אין יעדן מעת לעת צוואַנציק שעה׳ און נאָר די אהבת תורה׳ אַ דאַנק דער התמדה׳ האָב איך פאַרגעסן דאָס גרויסע דחקות׳ וואָס האָט אין יענער צייט געהערשט באַ מיר אין שטוב׳ דער איינדרוק פון דער שלעכטער צייט איז דאָך שטענדיק געבליבן׳ ווי אַ שוואַרצער פלעק אָף זיין קלאָרן הימל׳ און ווען דער גאון פלעגט זיך דערמאָנען די צייט פון „זאַבעלינער רבנות״׳ פלעגט ער צוקרעכצן דערמאָנענדיק זיך׳ ווי זיין פאַמיליע האָט געמוזט הונגערן׳ און ער איז ניט אימשטאַנד געווען זיי צו העלפן...

די הצטרכות׳ן זיינען געוואָרן גרעסער׳ פאַר די 90 קאָפּיקעס שכירות האָט מען אָפילו קיין ברויט ניט געהאַט׳ דער גאון האָט דעריבער באַשלאָסן צו פאַרלאָזן כאָטש פאַר אַ קורצע צייט „זאַבעלין״׳ אום צו שאַפן אַ ביסל געלט׳

אין יענער צייט האָט גע׳שמ׳ט דער קאַרלינער רבי׳ דער בעל מחבר פון „משכנות יעקב״׳ אַלס איינער פון די גרעסטע גאונים׳ דער גאון האָט באַשלאָסן צו פאָרן קיין קאַרלין זיך צו באַקענען מיטן גאון׳ און דאַדורך אויסצובעסערן זיין מאַטריעל׳ן מצב׳ כדי אָבער צו קומען אין אַ פרעמדער שטאָט׳ ד׳האָט ער געמוזט זיין אנשטענדיק געקליידעט; פאַר די 90 קאָפּיקעס וועכנטליכע שכירות׳ וועלכע דער גאון האָט באַקומען אין זאַבעל׳ין׳ האָט ער ניט געקענט זיך ערלויבן אָף אַ מל׳בוש צו מאַכן׳ און דער גאון האָט געמוזט מל׳בושים צו דער רייזע לייען באַ די גבירים פון שטעטל׳ אַ שטריימל האָט אים געליען אַן אייגנטימער פון אַ ברויז׳ האָבנדיק ענדלין די נויטיקע מלבושים׳ האָט דער גאון אונטערגענומען די רייזע קיין קאַרלין׳

פון די רייזע־קאָסטן׳ איז אים׳ קומענדיק קיין קאַרלין ניט געבליבן קיין קאָפּיקע׳ אנשטאָט צו גיין אין אַן אַכסניא׳ א׳יז ער גלייך געגאַנגען צום קאַרלינער רבי׳ דער יונגער גאון׳ אַריינקומענדיק צום רב האָט ער דערזען דעם רב זיך מפלפל זיין מיט דעם קאַרלינער מורה הוראה ר׳ טודרוס ז״ל׳ און מיטן גאון ר׳ משה הירש אַנטיפּאָליער ז״ל — דער פאָטער פון באַוואוסטן „דוקטור ראַבינאָוויץ פון פאַריז״׳ עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַ תשובה׳ וואָס דער קאַרלינער רב האָט געשיקט צו הרה״ג ר׳ דוד לוריא ביכאָווער ז״ל׳ די רבנים האָבן ניט באַמערקט דעם נייעם אורח׳ אָדער זיי האָבן בכלל איגנאָרירט דעם יונגנמאַנטשיק׳

דער יונגער גאון ר׳ יצחק אלחנן׳ שטייענדיק באַ דער טיר׳ האָט אָבער דאָך אויפמערקזאַם צוגעהערט זייער פלפול און האָט אומדערוואַרטעט פאַר די גאונים׳ געמאַכט אַ באַמערקונג׳ אָנווייזנדיק זיי׳ אַז זייער ויכוח האָט שוין אַנטשיידעט דער „חלקת מחוקק סי׳ ע״ה״׳

הערנדיק די גאונישע באַמערקונג׳ האָבן די רבנים דעם אורח „שלום״ געגעבן׳ איינגעלאַדן צו זעצן זיך און אַנטייל צו נעמען אין זייער פלפול׳

דער אורח האָט זיך דאַן פאָרגעשטעלט׳ און דער קאַרלינער רב האָט זיך דערמאָנט׳ אַז ער האָט ערהאַלטן פון אים אַ שאלה־ותשובה׳ און ער איז געווען

ערשטוינט אַז דער זאַבעלינער רבֿ, פון וועלכן ער האָט דערהאַלטן די שו"ת וואָס בליצט מיט גאונישע געדאַנקען, איז נאָך גאָר אַ יונגערמאַן, דער קאַרלינער רבֿ האָט דעם יונגן גאון איינגעלאַדן צו זיך אַף שבת, און די צוויי גאונים האָבן אים באַגלייט אַף אַן אכסניא, בכבוד גדול.

דער כבוד וואָס דער יונגער ליטווישער גאון האָט געהאַט ביים קאַרלינער גאון האָט געמאַכט אַ גרויסן רושם. די חשוב'ע בעלי־בתים, די לומדים און גבירים פון קאַרלין, האָבן געהאַלטן פאַר זייער חוב צו באַזוכן דעם יונגן גאון, יעדער האָט געוואָלט האָבן די זכיה, אַז ער זאָל ווערן זיין גאַסט שבת; שלש־סעודות איז ער געווען געלאַדן צום קאַרלינער רבֿ, צו וועלכן עס זיינען אויך געקומען אַלע לומדים פון קאַרלין, כדי צו הערן חידושי תורה פון באַרימטן אורח.

דריי וואָכן איז ער פאַרבליבן אין קאַרלין, טאָג־טעגליך האָט ער זיך מפלפל געווען מיטן רבֿ, וועלכער איז פשוט אַנטציקט געוואָרן פון דעם זאַבעלינער רבֿ'ס גאונות, און פון זיין דרך הלימוד, אויך פון זיינע מדות טובות, וואָס ער האָט פאַרמאָגט אַ קוואַל פון חן וחסד. וויסנדיק די שווערע מאַטעריעלע לאַגע, האָט אים דער קאַרלינער רבֿ געגעבן 40 רובל, אַ סומע וועלכע האָט באַטראָפן די יערליכע שכירות פון זאַבעלין...

נאָך דריי וואָכן האָט דער גאון, נאָך דעם גרויסן ערפאָלג פון דער קאַרלינער רייזע, זיך צוריקגעקערט קיין זאַבעלין.

דער קאַרלינער רבֿ אָבער, האָט ניט פאַרגעסן דעם נייעם שטערן, וואָס באַוויזט זיך אין דער לומדישער וועלט. און ווען ס'איז פריי געוואָרן אַ רבנות שטעלע אין "באַרעזע", האָט דער קאַרלינער רבֿ אָנגעוויזן די נכבדי העיר אַפן פאַסנדן קאַנדידאַט, אַף זאַבעלינער רבֿ.

אין יאָר תקצ"ט האָט ער פאַרלאָזט זאַבעלין, און אויפגענומען מיט גרויס כבוד אין "באַרעזע". שכירות האָט מען אים פאַרשפּראָכן 1 רובל וועכנטליך!...

זייענדיק שוין רבֿ אין קאָוונע, דאַמאָלסט ווען די גאַנצע אידישע וועלט האָט געקלונגען מיטן גאון, האָט ער מיין פאָטער און נאָך זיינע מקורבים, צייטנווייז דערציילט עפּיזאָדן פון יענער צייט, וואָס שילדערן די פאַרהעלטניסע, וואָס האָבן דאַמאָלסט געהערשט אייגמאָל, — אַזוי האָט דער גאון דערציילט: "זייענדיק רבֿ אין זאַבעלין, האָט מיך דאָס שטעטל "פּאָראָזאָווע" איינגעלאַדן אַף אַ "דין־תורה". די בעלי דברים זיינען געווען זייער צופרידן פון פסק, און זיי האָבן אַגיטירט מען זאָל מיך אופנעמען אַלס מרא־דאתרא. איך האָב לכתחלה איינגעשטימט, וועלנדיק פאַרבעסערן מיין מאַטעריאַלן מצב, איך האָב דאַדורך פאַרלאַנגט 10 פּוילישע גילדן אַ וואָך, די שטאָט האָט אָבער ניט געקענט צאָלן מער אַלס אַכט גילדן, און מיר האָבן ניט געקענט דורכקומען, און איך בין ווייטער פאַרבליבן אין זאַבעלין.

דער גאון האָט אויך דערציילט, אַז זייענדיק שוין ניעסוויזשער רבֿ, און האָבנדיק שכירות 4 רובל אַ וואָך, איז ער איינגעלאַדן געוואָרן קיין פּאָראַזאָווע אַף אַ דין תורה, און איינער פון די נכבדי העיר, מיט וועלכן ער האָט דאַמאָלסט ניט געקאָנט דורכקומען צוליב די שכירות, האָט אים דאַמאָלסט באַמערקט: רבי!

ווען איר וואָלט מסכים געווען צו בלייבן באַ אונז פאַר 8 גילדן אַ וואָך, וואָלט איר דאָך באַ אונז געווען עד היום הזה!...

אין באַרעזע וואו דער גאון איז אויפגענומען געוואָרן אַלס רב, האָט זיך די מאַטעריעלע לאַגע פון רב פיל פאַרבעסערט. אויך זיין פּאָפּולאַריטעט האָט אָנגעהויבן צו וואַקסן צוליב פאָלגענדער סיבה:

די רעגירונג האָט צו יענער צייט אָפּגעגעבן אַ פּאָדריאַד צו מאַכן אַ שאָסיי. די פּאָדריאַדשיקעס און די אָנגעשטעלטע זיינען גראָד געווען ניט נאָר גרויסע גבירים בעלי צדקה, נאָר אויך גרויסע לומדים, און זיי האָבן אויסגענוצט זייער פרייע צייט צו זיצן ביים רב אין שטוב און זיך מפלפל צו זיין מיט אים אין חידושי תורה.

איבערהויפּט האָט זיך אויסגעצייכנט אין לומדות דער פּאָדריאַדשיק ר׳ נחום קאַלטינאָווער, ר׳ טובי׳ בראַמסאָן, און דער בוכהאַלטער ר׳ אידל שערע־שעווסקי. אָט די אַלע נכבדים האָבן דערציילט אין לומדישע און סוחרישע קרייזן די גאונות און די חכמה פון גאון, זיי האָבן באַוואונדערט זיין שכל הישר, או האָבן אים איינגעלאַדן אַף דין־תורות, בוררות, און פשרות. שפּעטער איז דער גאון אויך געפאָרן אַף דין־תורות אין די נאָענטע שטעט און שטעטלאַך מאַלך־אַנטיפּאָליע א. ד. ג.

אָט פון דעם אַרט הכנסות האָט דער גאון זייענדיק רב אין באַרעזע, אָנ־געזאַמלט אייניקע הונדערט „פלאַטינעס״ אַ פלאַטינע האָט געהאַט דעם ווערט פון 3 רובל.

אין באַרעזע האָט ער שוין געלערנט תורה מתוך הרחבה.

אין יענער צייט האָט ער געשריבן די תשובה ח׳ פון „באר יצחק״, און דער גאון ר׳ זלמן רוזינויער און זיין פאָטער הגאון ר׳ אלחנן זצ״ל האָבן אַפילו געמאַכט די רייזע פון זייער שטאָט צום יונגן גאון, כדי צו קענען דעם נייעם שטערן.

* *
*

אַ קליינער אינצידענט איז פאָרגעקומען צוליב אַ „גט־געשיכטע״ צווישן דעם גאון ר׳ יצחק אלחנן, און דעם אין יענער צייט באַרימטן גאון ר׳ אייזל, שאַוולער רב זצ״ל. עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַ כח הרשאה־פול־מאַכט, איבערצוגעבן אַ גט.

ר׳ יצחק אלחנן זצ״ל האָט דיסקוסירט מיט ר׳אייזל׳ען זצ״ל, און יענער האָט זיך אויסגעדריקט, אַז דער באַרעזער רב האָט קיין אַנונג ניט אין דינים פון גט, און צוליב דעם זאָל ער ניט מסדר זיין גיטין.

דער רבצין האָט מען דערציילט די מיינונג פון שאַוולער רב, און כדי ניט מצער צו זיין דעם מאַן, האָט זי ניט מפרסם געווען דעם פסק פון שאַוולער רב; זי האָט זיך איבערהויפּט באַשטרעבט די בעלי בתים זאָלן ניט ערפאַרן, ווייל מיטן שאַוולער רב׳ס מיינונג האָט מען זיך גערעכנט, און עס האָט גע־דרויט ר׳ יצחק אלחנן זאָל דעם פּאָסטן פון באַרעזער רבנות פאַרלירן.

ר׳ יצחק אלחנן האָט אָבער באַמערקט׳ אַז אין שטוב שוועבט אַ געהיימניס׳ די רבצין האָט אים דאַמאָלסט געמוזט דערציילן די מיינונג פון שאַוולער רבי׳ איבער זיין לומדות׳ ר׳ יצחק אלחנן האָט אָנגעשריבן אַ גרויסע שו״ת צום שאַוולער רבי׳ איבערצייגנדיק אים׳ אַז ער האָט געפסקנט עפ״י דין׳ דאַמאָלסט האָט דער שאַוולער רב מודה געווען׳ און געבעטן אַנטשולדיקונג פאַר דער ניט גינסטיקער מיינונג׳ וואָס ער האָט אַרויסגעזאָגט איבער רי״א׳ דער נצחון׳ דאָס דער באַרעזער רב האָט אָפגעהאַלטן איבער דעם באַרימטן שאַוולער רבי׳ וואָס געמאַכט אין דער לומדישער וועלט אַ גרויסן רושם׳ און דער יונגער באַרעזער רב איז מפורסם געוואָרן אַלס אַ גאון אַן אויסנאַם׳

אַ שטעטל גנב׳עט צו ר׳ יצחק אלחנן זצ״ל׳

די פריינט פון ר׳ יצחק אלחנן זצ״ל׳ איבערהויפט ר׳ נחום קאַלטינאָווער האָבן געשטרעבט׳ אַז ער זאָל באַקומען אַ בעסערן רבנות־פּאָסטן׳ וואו ער זאָל ניט האָבן קיין דאגת פרנסה׳ זיי האָבן פאַרשטאַנען׳ אַז פאַר דעם גרויסן גאון איז דאָס באַרעזער רבנות צו קליין׳ און ניט פּאַסנד פאַר זיין פערזענליכקייט

אין יענער צייט האָט געוואוינט אין נעסוויזש ראַדזיוויל׳ס הויז־דאָקטאָר ״קיסעלעווסקי״׳ דער דאָקטאָר איז געווען אַ גרויסער למדן׳ חכם און נדבן׳ זיין השפעה אין נעסוויזש איז געווען זייער גרויס׳ ר׳ נחום קאַלטענאָווער איז גע־ יוען מיטן דאָקטאָר גוט באַפריינדעט׳ און ווען די רבנות־שטעלע אין ניעסוויזש איז פריי געוואָרן׳ האָט ר׳ נחום פאָרגעשלאָגן דעם דאָקטאָר׳ איינצולאַדן דעם באַרעזער רבי׳ וועלכער צייכנט זיך אויס מיט זיין גאונות און חכמה׳ ווי אויך מיט זיינע מדות טובות׳

דער דאָקטאָר קיסעלעווסקי האָט מסכים געווען׳ און מען האָט געשיקט אַ כתב־רבנות קיין באַרעזע׳ דאָס שטעטל האָט אָבער פּראָטעסטירט׳ ניט וועלנ־ דיק׳ אַז זייער רב זאָל זיי פאַרלאָזן׳ האָבן זיי אים געהיט!

עס איז כאַראַקטעריסטיש׳ פאַר די פאַרהעלטניסן פון יענער צייט׳ אַז כדי אָנצונעמען אַ בעסערן פּאָסטן׳ האָט ר׳ נחום קאַלטענאָווער מיט דער הילף פון דעם מלמד׳ אין אַ פינסטערע נאַכט אַרויסגע׳גנב׳עט דעם רב; עס קלינגט ווי אַ לעגענדע׳ אָבער פאַר יענע צייט איז דאָס געווען אַ פשוטע זאַך!!!

ר׳ יצחק אלחנן אין דער באַגלייטונג פון ר׳ נחום קאַלטינאָווער מיטן מלמד׳ זיינען אין אַ פינסטערע נאַכט׳ ווען דאָס שטעטל איז פאַרזונקען אין אַ זיסן שלאָף׳ אַרויסגעגאַנגען מחוץ לעיר׳ דאָרט האָט אַף זיי שוין געוואַרט אַ דראָזשקע געשפּאַנט אין צוויי פערד׳ וועלכע האָט שנעל אַוועקגעפירט דעם רב׳

געווען איז אָבער דאַן ווינטער־צייט׳ פ׳ משפטים׳ דער רב האָט ניט גע־ האַט אַ געהעריקן פוטער׳ דער פראָסט האָט דורכגעדרונגען זיין שוואַכן קער־ פּער׳ געפראָרן׳ מיד הונגעריק זיינען דער רב מיט זיינע באַגלייטער אָנגעקומען אין אַ קרעטשמע׳ וואָס איז געשטאַנען אַפן וועג׳ דער קרעטשמער אַ איד אַ למדן׳ האָט זיך דערשראָקן׳ זעענדיק אַ שוואַכן יונגמאַן אין מיטן דער נאַכט

געפרארן און מיד, אף זיינע צודרינגלעכע פראגן, האט אים רי״א דערציילט אז ער פארט אנצונעמען דאס נעסוויזשער רבנות. דער קרעטשמער האט געמוסר׳ט רי״א, וואס אזא יונגערמאן וואגט צו פרעטענדירן אף אזא הויכן פאסטן, שפעטער ווען רי״א ז״ל איז שוין געווען נעסוויזשער רב און דער קרעטשמער פלעגט אים באזוכן, האט ער זיך אנטשולדיקט פאר זיין גרינשעציקע מיינונג...

אין דער צייט פון נעסוויזשער רבנות, האבן די עלטערע בעלי־בתים פון די שטאט זיך באצויגן ניט מיטן געהעריקן רעספעקט צום יונגן רב. זיין יונגעס אויסזען האט ניט אימפאנירט די בעלי־בתים, וועלכע האבן באטראכט דאס ניעסוויזשער רבנות אלס א ערן־פאסטן פאר אן עלטערן רב. עס זיינען זאגאר געווען אייניקע, וואס האבן דאס כתב־רבנות ניט געוואלט חתמ׳נען, איבערהויפט איז דאס געווען דער גביר און נכבד פון שטאט שמעי׳ דעם נייעם רב׳ס געגנער.

ר׳ שמעי׳ איז געווען א איד א זקן, ווען מען האט אים פארגעשלאגן חתמ׳נען דאס כתב־רבנות, האט ער געזאגט: „איך אן עלטערער איד, וועל מוזן זיך אופשטעלן, ווען דער יונגערמאנטשיק וועט ארייננקומען אין שול״ און עס האט זיך אין דער שטאט אנגיהויבן אן אגיטאציע קעגן רב...

כדי צו בארואיקן די קעגנער, האט ר׳ יצחק אלחנן ז״ל מסכים געווען אז אלע לומדים פון דער שטאט זאלן זיך פארזא מלען און פרואוון זיין לומדות. צוויי וואכן האט דער עקזאמען געדויערט, יעדן טאג זיינען געקומען נייע לומדים באלאדן מיט שארפזיניקע קשיות, מען האט אים ניט געלאזן צורו, און וואו נאר א שווערע טיפע שאלה, וואו נאר א טיפזיניקער ענין, האט מען אים געפרעגט. אבער רי״א ז״ל האט גלענצנד, אויסנאמיק גוט אויסגעהאלטן דעם עקזאמען.

און די לומדים, איבערצייגנדיק זיך אין זיינע גאונות, חריפות, בקיאות האבן דאן זייער גערן גע׳חתמ׳עט דאס כתב רבנות. ר׳ שמעי׳ ז״ל האט זיך פארן רב שטארק אנטשולדיקט פאר זיין קעגנערשאפט, און איז געווארן איינער פון רב׳ס שטארקסטע אנהייגגער! —

דעריבער איז דאמאלסט אין „נעסוויזש״ ארומגעגאנגען דער וויץ, באצויגן אף דער מאמר חז״ל: משמיא (שמעי׳) אוקמניה ליה לרבנו, פון הימל איז רבנו אופגעשטעלט געווארן...

אין יאר תר״ו, איז ר׳ יצחק אלחנן ז״ל אופגענומען געווארן בהסכם פון דער גאנצער שטאט, אלס „נעסוויזשער רב״. שכירות האט די שטאט פארשפראכן פיר רובל א וואך, לויט די פארהעלטניסן פון יענער צייט, איז דאס געהאלט געווען זייער גרויס. רי״א ז״ל האט ווירקליך דא קיין דאגות פרנסה ניט געהאט, און ער האט זיך געקענט רואיק ווידמען דעם תורה־סטודיום. מיט א גוואלדיקער התמדה האט ער דאמאלסט געלערנט תורה, די שטאט איז געווען שטאלץ צו האבן אלס רב אזא גאון, א וועלט־צירונג, און אויך ער איז געווען צופרידן, האבנדיק די מעגליכקייט צו לערנען תורה מתוך הרחבה.

עס איז אבער ניט באשערט געווען רי״א ז״ל זאל זיצן רואיק. צוליב א „השלשה״ האט אים א בעל־הבית גע׳מסר׳ט, אז ער האט ניט פינקטליך אויסגעפירט די באדינגונגען פון דער השלשה, וואס דאס איז געווען אן עלילת שוא, און רי״א ז״ל איז געווען געצוואונגען זיך אין געריכט צו פארטיידיקן, ער האט

אָפּט געמוזט פאָרן קיין „קאָברין" צום ריכטער, וועלכער האָט אים אופגעפאָ־דערט צו געבן ערקלערונגען, פון וועלכע דער ריכטער האָט זעלבסטפאַרשטענדליך זיך איבערצייגט אין זיין אומשולדיקייט. —

די „נאָוואָרידקער" קהלה, וואָס האָט דאַמאָלסט גראַד געזוכט אַ רב האָט פאַרגעשלאָגן רי"א ז"ל ער זאָל אָננעמען דעם פּאָסטן, און רי"א איז געוואָרן נאָך פיר־יאָריקער ניעסוויזשער רבנות נאָוואָרידקער רב.

ניט לייכט האָט ר' יצחק אלחנן ז"ל פאַרלאָזן נעסוויזש, וואָס האָט שטאָל־צירט מיט איר רב, האָט אים געהיט, די קהלה האָט פשוט באַוואַכט דאָס הויז פון רב, און אויב עס איז געקומען אַ מענטש, אַף וועלכן די קהלה האָט גע־האַט אַ פאַרדאַכט, אַז ער וועט מיטן רב אונטערהאַנדלען וועגן אַ רבנות־פּאָסטן, האָט מען דעם מענטש ניט געלאָזן זען דעם רב. דורך פאַרשידענע קאָמ־בינאַציעס איז קוים געלונגען דעם רב אָן פרסום צו פאַרלאָזן ניעסוויזש און איז אָנגעקומען כ"ח אייר תרכ"ד אין נאָוואַרידאָק.

* * *

אַ מערקווירדיקער צופאַל, וואָס האָט געהאַט אַ געוויסע השפעה, אַז דער זייער יונגער רב זאָל ווערן פּאָפּולער, איז געשען מיט ר' יצחק אלחנן ז"ל, סיי ווען ער איז געפאָרן אָננעמען דאָס רבנות אין ניעסוויזש און סיי ווען ער איז געפאָרן פון ניעסוויזש קיין נאַוואַרידאָק.

די נסיעה ווי שוין אויבן דערמאָנט — פון „באַרעזע" קיין „ניעס־וויזש" איז פאָרגעקומען אין אַ פינסטערע ווינטערדיקע נאַכט. דער רב האָט זעלבסטפאַרשטענדליך אין אַזעלכע באַדינגונגען ניט מיטגענומען קיין ספרים זיצנדיק אָבער באַנאַכט אין דער קרעטשמע מיד און הונגעריק, האָט ער דאָך געבעטן דעם קרעטשמער אים צו געבן אַ ספר, כדי צו לערנען אין וועג, לקיים מה שנאמר „ובלכתך בדרך", דער קרעטשמער האָט אים דערלאַנגט דעם סדור „דרך החיים" פון ליסער רב.

צופעליק האָט רי"א ז"ל געזען אין סדור די דינים פון קריאת התורה; באַם אָנקומען דעם פאָלגענדן טאָג קיין ניעסוויזש, איז גראַד געווען אַ טאָג פון קריאת התורה, און עס איז געוואָרן עפּעס אַ שאלה. דער יונגער רב האָט גע־פסק'נט. אָבער די אָנוועזנדע לומדים האָבן ניט מסכים געווען, ענדליך האָט איי־נער פון די אָנוועזנדע פאָרגעשלאָגן, נאָכצוזען די מיינונג פון ליסער רב, וועלכע וועט אַנטשיידן. אַלע זיינען געווען ערשטוינט, אַז גראַד דער ליסער רב באַ־שטעטיקט די מיינונג פון נייעם רב.

אָבער אויך פאָרנדיק פון ניעסוויזש קיין נאָוואָרידאָק איז געשען אַן ענ־ליכער צופאַל, אויך דאָס מאָל האָט ער קיין ספרים ניט געהאַט, ווייל ער האָט באַנאַכט האַסטיק פאַרלאָזן די שטאָט.

אָבער איידער רי"א ז"ל האָט זיך געזעגנט מיט דעם בעל־הבית, האָט ער געעפנט אַ גמרא, אָנגעמערקט זיך אַ תוספות, אין וועלכן ער האָט זיך פאַר־טיפט פאָרנדיק אַף דער פור; און ווי ערשטוינט איז ער געווען, אַז נאָך זיין

אָנקומען אין דער נייער שטאָט, האָבן די פאַרזאַמלטע לומדים תיכף אָנגעפאַנגען מיט אים מפלפל צו זיין, וועגן דעם תוספות...

זעלבסטפאַרשטענדליך, אַז ער האָט אַנטציקט די צוהערער מיט זיין חריפות און בקיאות אין דעם תוספות אין וועלכן ער האָט זיך פאַרטיפט די גאַנצע צייט פון דער נסיעה...

בדור צדיק אָדער אַ היסטאָרישער איבערבליק.

אין צוזאַמענהאַנג מיט די היסטאָרישע געשעענישן וואָס האָבן זיך אָפּגעשפּילט אין יענער צייט, האָט די פּערזענליכקייט פון ר׳ יצחק אלחנן זצ״ל געשפּילט אַ דאָמינירנדע ראָלע; זיין חכמת התורה, זיין ענערגיע און מסירות נפש פאַר כלל אַרבעט האָט אים שוין דאַמאָלסט אַוועקגעשטעלט אין דער ערשטער ריי צווישן די עסקני צבור, בײַ יעדער וויכטיקער אַסיפה אין וועלכער עס האָבן זיך באַטייליקט די גרעסטע גאונים, זקני הדור, איז רי״א געווען דער רוח־החיים, און דער „פּולס״ פון דער הייליקער אַרבעט.

כדי צו האָבן אַ באגריף וועגן זיין גרויסשאַפטלעכער טעטיקייט, וועלכע האָט זיך אָנגעהויבן אין די פופציקער יאָרן פון פאָריקן יאָר־הונדערט, מוזן מיר דאָ דערמאָנען אין קורצע שטריכן די פּאָליטישע פאַרהעלטנישן פון יענער עפּאָכע.

אין פּוילן האָט דעמאָלט געהאַט אַ גרויסן איינפלוס אויף דער רעגירונג „דער אַדעל״, די פּויערים זיינען געווען דאָס אייגנטום פון אַדעל, וועלכע האָבן געהאַט דאָס רעכט מיט די פּויערים צו טאָן וואָס זייער האַרץ האָט געוואָלט. די פּויערים זיינען געווען פאַרשקלאַפט צום פּריץ, זיי האָבן באַאַרבעט די פעלדער, געטאָן די געמיינסטע און דערנידעריקנדע אַרבעטן און דער פּריץ האָט זיי פאַר זייער אַרבעט געצאָלט שטרוי און אַביסל ניט געראַטענע תבואה, דאָס פּויערישע ברויט איז געווען ערגער אין קוואַליטעט פון דעם ברויט וואָס דער פּריץ האָט געגעבן זיינע הינט. דאָס לעבן פון פּויער איז געווען הפקר אין די הענט פון פּריץ, ער האָט אים פאַרקויפט פּונקט ווי מען פאַרקויפט אַ פערד, אַ קו.

איבערהויפּט איז אין קולטורעלן הינזיכט דאָס לעבן פון רוסלאַנד געשטאַנען אויף אַ זייער נידעריקער מדרגה, באַנען און טעלעגראַפן האָבן דעמאָלט אין רוסלאַנד ניט עקסיסטירט, ערשט אין 1864 יאָר איז דורכגעפירט געוואָרן די ערשטע באַן ליניע וואַרשע—פּעטערבורג, און מיט פינף יאָר פריער האָט אָנגעהויבן די ערשטע טעלעגראַפישע סטאַנציע צו פונקציאָנירן.

עקאָנאָמיש איז דאָס לאַנד געווען רואינירט, פאַבריקן, באַנקן, גרויסע אינדוסטריע און האַנדלס־צענטרען, זיינען ניט נויטיק געווען, צוואַנציק מיליאָן פּויערים—די דעמאָלטיקע שקלאַפן האָבן ניט געהאַט קיין השגה פון קויפן מלבושים אָדער פון וואוינען אין אַן אַנשטענדיקער וואוינונג, אויך דער אַרבעטער וועלכער האָט באַקומען פאַר זיין אַרבעט זייער שלעכט באַצאָלט, האָט געמוזט לעבן אין שרעקלעכע עקאָנאָמישע באַדינגונגען.

אפן חשבון פון די פארשקלאפטע פויערים און עקספלאטירטע ארבעטער האט געלעבט דער "אדעל" וועלכער האט געפירט א פארשווענדעריש און לוקסוס־לעבן.

כאראקטעריסטיש איז אויך אז דער "אדעל" איז אין יענער צייט באפרייט געווען פון מיליטער־פליכט. אויך די פליכט האט אנשטאט דער אדעל דערפילט דער פויער און ארבעטער.

און דאס אידישע לעבן ?

די שרעקלעכע פארהעלטנישן און די טרויעריקע באדינגונגען פון יענער צייט האבן געהאט זייער השפעה אף די אידן.

אין קאמפאקטע מאסן האבן די אידן געוואוינט. די דערפער און שטעט וואס זיינען באוואוינט געווען פון אידן, האבן געהערט צום פוילישן פריץ, און ער האט אויסגענוצט יעדע קלייניקייט צו זיין מאטעריעלן נוצן. פאר די "הייזער" האבן די אידן געצאלט ווי אויך פאר סחורה. זיי האבן פארדונגען אידן שיינקען און פראפאנאציעס—דאס רעכט צו האנדלען מיט בראנפן. און ווייל דער "איד" איז געווען עקאנאמיש "אפהייננגיק" פון פריץ, האט ער אים ערנידריגט אף יעדן טריט און שריט. דער פריץ האט געוואלט האבן א השפעה אפילו אף דעם אידישן פריוואט לעבן. דאס רוב באאמטע אין די געריכטן אין רייסן, זשאמוט, פוילן זיינען געווען פוילישע פריצים. די פארהאנדלונגען זייבען געפירט געווארן אין דער פוילישער שפראך, נאר די ביכערפירונג איז געווען אין דער אפיציעלער רוסישער שפראך.

די אידן האבן זיך געפונען אין קולטורעלען הינזיכט אין א זייער קריטישע לאגע. די רעגירונג האט פארלאנגט אידן זאלן לערנען די אפיציעלע רוסישע שפראך, די פוילישע פריצים אבער וואלטן זיי דאמאלסט באטראכט אלס רוסיפיצירנדער עלעמענט... די פאראכטונג אבער פון די פוילישע פריצים און זייער באציאונג צום אידן, האט ניט געקענט האבן א השפעה אז אידן זאלן וועלן לערנען פויליש. איבעריקנס האבן עס די פאליאקן ניט פארלאנגט, באטראכטנדיק דעם איד אלס נידעריקע בריאה וואס איז ניט ווערט צו זיין דורכגעדרונגען מיט דער פוילישער קולטור; צוליב די סיבות האבן טאקע די אידן ניט באהערשט קיינע אייגציקע מאדערנע שפראך חוץ די אידישע שפראך. שטייענדיק אבער אין געשעפטלעכע פארבינדונגען מיט די פוילישע פריצים האבן דאך פיל אידן פארשטאנען אביסל פויליש, אייניקע האבן אפילו באהערשט די שפראך אין ווארט און שריפט.

* *
*

די אידישע קריטישע לאגע וואס האט געצוואונגען די אידן צו לאווירן צווישן די פוילישע פריצים אין דער רוסישער רעגירונג, איז פיל פארערגערט געווארן נאך דעם פוילישן אופשטאנד אין 1831 יאר. די רעגירונג האט די אידן חושד געווען, אז זיי האבן זיך באטייליקט אין אויפשטאנד, און האט דאמאלסט פארדאפלט אירע גזרות און באגרעניצט די אויך ביז דאמאלסט באגרעניצטע אידישע רעכט.

אין יאָר 1844 איז פאַרבאָטן געוואָרן אידן צו וואוינען אין די דערפער, מיט איינינקע יאָר שפּעטער האָבן אידן געמוזט פאַרלאָזן זייערע ישובים וואָס האָבן זיך געפונען אַפן שטח 50 וויאָרסט ווייט פון דער גרעניץ. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ מאַסן עמיגראַציע פון די דערפער און פון די שטעטלאַך וואָס זיינען 50 וויאָרסט ווייט פון גרעניץ. אָבער וואוהין זאָלן די אומגליקליכע עמיגרירן? קיין אַמעריקע, אַפריקע, בראַזיליען, אַרגענטינא און דאַמאָלסט צוליב די ניט אַנט־וויקלטע רייזע באַדינגונגען, צוליב די באַגרעניצטע באַן־שטרעקע איז עס געווען אומעגליך *).

חוץ די אויבנדערמאָנטע גזרות האָט די רוסישע רעגירונג אין יאָר 1851 איינגעטיילט די אידישע באַפעלקערונג, וואָס וואוינט אין רוסלאַנד, אין דריי קאַטעגאָריעס: סוחרים, בעלי־בתים, און האַנטווערקער. אידן, וואָס האָבן ניט געקענט אויפווייזן, אַז זיי געהערן צו די דריי קאַטעגאָריעס, זיינען באַצייכנט געוואָרן אַלס ליידיקגייערס. „בראָדיאַגעס” אַלס אַ געפערלעכער עלעמענט, וועלכער מוז ווערן באַשעפטיקט דורך דער רעגירונג, כדי ער זאָל ניט זיין שעדליך דער באַפעלקערונג...

די רעגירונג וואָס האָט דאמיט געמיינט, אַז זי טוט אַ טובה דער באַ־פעלקערונג, האָט אין דער ווירקלעכקייט, מיט דער קאַטאַגאָריעס גזירה, וועלכע האָט געשטעמפּלט אַ גרויסן טייל פון אידן אַלס „בריאָדיאַגעס” אונטערגעגראָבן די עקזיסטענץ פון צענדליקער טויזנטער אידן.

אין די בתי־מדרשים, דעם איינציקן אָרט, וואו אידן גיסן אויס זייערע הערצער אין אַ עת צרה ר״ל, האָבן די אידן זיך פאַרזאַמלט, געזאָגט תהלים, מען האָט געפאַסט און מתפלל געווען, אַז השי״ת זאָל מהפך זיין די הערצער פון די מושלים, און אַז די גזרה זאָל בטל ווערן.

אין צוזאַמענהאַנג מיט די קאַטעגאָריעס גזירה, איז אינטערעסאַנט די פאָלגנדע ערציילונג, וואָס מיין פאָטער ז״ל האָט געהערט פון הרב הגאון הצדיק הגביר ר׳ אלי׳ לעווינזאָן, אָדער ווי מען האָט אים גערופן פאָפּולער „ר׳ אלינקע קרעטינגער זצ״ל:” אין זשאַמוטער געגנט האָט ר׳ אלינקע אין אַ שטעטל געטראָפן אין יאָר 1851 אַ עלעגאַנטן הער ה׳ וו״ש. ר׳ אלינקע האָט מיט איינינקע אידן גערעט וועגן דער שרעקליכער קאַטעגאָריעס גזירה. דער ה׳ וו״ש. אויסהערנדיק ר׳ אלינקען, האָט זיך מיט אַ געלעכטער אָנגערופן; וואָס טומלט מען אַזוי, וואָס פאַסט מען? די רעגירונג איז דאָך פולשטענדיק גערעכט, וועלנדיק די בראָדיאַגעס־ליידיקגייערס מאַכן אומשעדליך, און זיי צווינגען צו אַרבעטן פאַר דער רעגירונג!

ר׳ אלי׳ האָט אנשטאָט צו ענטפערן דעם עלעגאַנטן הער, ווייטער פאָר־געזעצט זיין שמועס מיט די בעלי־בתים וואָס זיינען געווען אין האָטעל. דער הער האָט געפרעגט אַ שאלה — האָט ר׳ אלי׳ געזאָגט — אום כדי עס זאָל אייך קלאָר ווערן די תשובה — וועל איך אייך דערציילן אַ מעשה, וואָס האָט זיך מיט מיר פאַסירט:

*) אין „הארה” אויסגאַבע ווילנע 1855 איז אויספירלעך געשילדערט דער טרויעריקער צושטאַנד פון אידן אין יענע צייט. צוליב דעם אָנקומען פון ר׳ משה מאָנטעפיאָרי קיין ווילנע, איז אים איבערגעגעבן געוואָרן אַ מעמאָראַל אין וועלכן די קריטישע אידישע לאַגע ווערט דאָרט געשילדערט אין שוואַרצע פאַרבן.

„מיט אייניקע יאָר צוריק, ווען מיין מאַטעריעלע לאַגע איז געווען אַ קריטישע, האָט מיין שווער מיר פאָרגעשלאָגן, איך זאָל פאָרן קיין קאָוונע צו אונזער פריינט ר׳ בערל אָלשוואַנכער, וועלכער איז געווען אַ גרויסער פאָדריאַטשיק.

אין קאָוונע זיינען פאָרגעקומען „טאָרגעס״ אַף אויפצובויען שפּיטעלער און חוץ די גרויסע פאָדריאַטשיקעס פלעגן זיך דאַמאָלסט צוזאַמענפאָרן פאַרשידענע סוחרים, און כדי עס זאָל ניט ווערן קיין קאָנקורענץ האָבן אייניקע גרויסע פאָדריאַטשיקעס גענומען דעם פאָדריאַד. די אַנדערע אָבער האָבן גענומען „לא יחרץ געלט״ פאַרשידענע קלענערע סומען. דער שווער אַלזאָ האָט מיר געראַטן אַליין צו פאָרן און מיטנעמען „זאַלאָג״ כדי אויך צו נעמען אַ חלק. מיין עטישער באַוואוסטזיין און מיין געוויסן האָט שטאַרק פראָטעסטירט קעגן אַזאַ מין פאַרדינסט, אָבער איך האָב צוליב די אומשטענדן, איבערהויפּט וויל איך בין געווען געגנצלעך אָפּהיינגיק פון שווער, געמוזט פאָרן.

קומענדיק קיין קאָוונע צו ר׳ בערלען, וועלכער האָט מיר זייער פריינדליך מקבל פנים געווען און מיך געפרעגט וועגן דעם ציל פון מיין נסיעה, אויסהערנדיק צוליב וועלכן געשעפט איך בין געקומען, האָט ער מיר געענטפערט: פאָר צוריק, דו באַקומסט ניט קיין געלט״ און איך האָב טאַקע באַשלאָסן צוריקצופאָרן.·· אָבער מיר האָט אינטערעסירט ר׳ בערל׳ס טעם. און איך האָב ערפאַרן, אַז צו די טאָרגעס איז געקומען אַ באַאַמטער מיט אַ אידן אַ מלשין, כדי צו מסר׳ן די אידן, וואָס האָבן גענומען דעם פאָדריאַד.

מען האָט געשיקט צום מסור שתדלנים, מען איז קוים פאַר אייניקע הונדערט רובל דורכגעקומען מיט אים, ער זאָל ניט מסר׳ן, אָבער נאָך אַ קורצער צייט איז באַוואוסט געוואָרן, אַז דער מסור האָט מיט דעם באַאַמטן, מיט וועלכן ער איז געקומען, קיין שום שייכות ניט, ער איז געווען אַ איד, אַ קבצן, גייענדיק פון „יאַנאָווע״ איז גראַד דורכגעפאָרן דער באַמטער, וועלכן ער האָט געבעטן אים מיטצונעמען מיט זיך אַף זיין פור, דער קבצן האָט אָבער אויסגענוצט דאָס זיצן אַף דער פור מיט דעם באַאַמטן, און דערציילט אין שטאָט, אַז ער מוז נעמען געלט פאַרן באַאַמטן און פאַר זיך···

דער שאַרלאַטאַן, דער שאַנטאַזשיסס—דאָס איז דאָך אַ אמת׳דיקער ליידיקגייער,—און אָט דעם ליידיקגייער און דעם שאַנטאַזשיסט, וואָלט טאַקע געווען אַ יושר צו נעמען צו רעגירונגס־אַרבעט אָבער אַז דער ליידיקגייער (און דאַביי האָט ר׳ אלי׳ אָנגעוויזן אַף ה׳ ווש···) נעמט געלט פון טאָרגעס, און ר׳ אלי׳ פאָרט צוריק פון טאָרגעס פאַרלירנדיק אויך הוצאות הדרך, און אז באַם נעמען צו צוואַנגס־אַרבעט חיל מען נעמען ר׳ אלי׳ן, און ניט דעם שאַנטאַזיסט, איז עס דען ניט קיין גזרה?״ האָט ר׳ אלי׳ געענדיקט זיין געשפרעך אין האָטעל מיט די בעלי־בתים···

דער ה׳ וו׳ש··· איז נעמליך געווען אָט דער שאַנטאַזשיסט פון די קאָוונער טאָרגעס···

— — —

און אָט אין יענער צייט׳ ווען דאָס גאַנצע אידישע לעבן איז געווען באַדעקט מיט כמארעס׳ ווען טעג טעגליך האָבן זיך געשאָטן אַף אידישע קעפּ גזירות ר״ל׳ זיינען זיך צוזאַמענגעקומען די גאוני הדור קיין ״מינסק״ כדי זיך צו באַראַטן און צו געפינען די געהעריקע פּאַסנדע פערזענליכקייטן וואָס זאָלן פאָרן קיין ״פּעטערבורג״ מיט השתדלות׳ן צום קייזער ״ניקאָלאַי דעם ערשטן״.

הגאון ר׳ יצחק אלחנן זצ״ל׳ זייענדיק דאַמאָלסט כמעט דער אינגסטער צווישן די אַלע גאונים און עסקני ציבור׳ וואָס האָבן אַנטייל גענומען אין דער אספה׳ האָט דורך זיין ענערגיע און אַנטוויקלטן געזעלשאַפטליכן חוש׳ דורך זיין חכמה און גאונות׳ געצויגן אַף זיך די אויפמערקזאַמקייט פון דער אסיפה׳ זיין דעה איז געווען מאַסגעבנד׳ ער האָט אויך געגעבן די גויטיקע סומע׳ צוויי טויזנט רובל (דאַמאָלסט!) אַף הוצאות פאַר די שתדלנים׳ און עס זיינען אויסגעוויילט געוואָרן: דער באַוואוסטער גביר הצדיק ר׳ יצחק זעלקינד פון מאָגיסטירצען׳ הגביר הצדיק ר׳ שמרי׳ לוריא׳ און הגאון החכם ר׳ יעקב באַריט מווילנא׳ זכרונם לברכה׳ אָנגעפירט מיט דער דעלעגאַציע האָט דער באַרימטער ר׳ ליפּא זעלצער פון וויטעבסק׳ די אויסגעוויילטע זיינען געפאָרן קיין האָמלע׳ וואו עס איז דאַמאָלסט פאָרגעקומען די התונה פון די ״פּאַשקעוויצעס״ צו וועלכער דער קייזער ניקאָלאַי איז געווען איינגעלאַדן׳ און אים דאָרט איבערגעגעבן אַ מעמאָריאַל׳ אין ריב״לס זכרונות איז געדרוקט דער בריוו פון ר׳ ליפּא זעלצער און דער מעמאָריאַל׳

אין באַברויסק איז אויך צו יענער צייט פאָרגעקומען אַ אסיפה׳ און עס זיינען אויסגעוויילט געוואָרן: די באַרימטע גבירים ר׳ ניסן קאַצינעלענסאָן׳ דער פאָטער פון הגביר הצדיק ר׳ בינוש פון קיוב׳ און ר׳ פייוול פרידלאַנד פון דווינסק׳ די דעלעגאַציע איז געפאָרן מיט השתדלות קיין פּעטערבורג׳ די פאָלגן פון די דעלעגאַציע זיינען געווען זייער גינסטיק׳ די גזרה פון גרוש אַפן שטח פון פופציק ווי'אָרסט באַ דער גרעניץ׳ איז אַ דאַנק השי״ת בטל געוואָרן׳

צדיק מה פעל ?!

אויב עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַן אַנגעלעגנהייט וואָס איז נוגע דעם כלל ישראל׳ האָט מען דעם יונגן נאָוואַרידקער רב הגאון ר׳ יצחק אלחנן ז״ל איינגעלאַדן׳ די פון אים אַרויסגעזאָגטע מיינונג איז געווען מאַסגעבנד פאַר זקני גאוני הדור׳ אָבער אויך אין אינערע סכסוכים׳ וואָס זייער אַנטשיידונג איז געווען זייער וויכטיק׳ האָט דער נאָוואַרידקער רב געמוזט נעמען אַן אַנטייל אין די אַספות און באַראַטונגען׳

מיר זעהען אים למשל אין ״וואָלאָזשין״ וואָס האָט דאַמאָלסט געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין דער לומדישער וועלט׳ און איז געווען אַ הויפּט תורה־צענטער פאַר ליטע—זשאַמוט׳

צו יענער צייט נעמלעך׳ אין יאָר תרי״ח׳ האָט אויסגעבראָכן אַ סכסוך צווישן די צוויי באַרימטע גאונים ר׳ הירש לייב בערלין—ר׳ איצעלע וואלאָזשינער׳ס איידעם׳ און ר׳ יוסף בער־ר׳ חיים וואָלאָזשינערס איניקל׳ זכרונם

לברכה, די צוויי גאונים, וואָס האָבן אָנגעפירט מיט דער וואלאזשינער ישיבה, האָבן געהאַט פאַרשידענע שיטות אין דער פירונג פון דער ישיבה און דעם אופן הלימוד.

די ישיבה־בחורים האָבן זיך געטיילט אַף צוויי לאַגערן, איין צד איז געהען נוטה צו ר׳ הירש לייב׳ן ז״ל, און דער אַנדער צד איז געבליבן אָנהייננער פון ר׳ יוסף בער זצ״ל.

די סכסוכים, שפּאַלטונגען, אינערהאַלב דער ישיבה, האָבן געדראָט אונטערצוגראָבן ח״ו דעם גאַנצן קיום פון דעם מקום תורה. די גרעסטע גאונים פון יענעם דור ר׳ דוד טעביל פון מינסק, בעהמח״ס „בית דוד״, ר׳ יאָסעלע סלוצקער, און דער באַוואוסטער ווילנער מגיד ר׳ וועלוועלע, זכרונם לברכה, האָבן באַשלאָסן צו פאָרן קיין וואלאָזשין און דאָרט שלום צו מאַכן צווישן די קעמפנדע צדדים. אָבער כדי צו זיין זיכער אין אַן ערפאָלג, האָבן זיי איינגעלאַדן דעם יונגן גאון ר׳ יצחק אלחנן ז״ל, דעם נאָוואַרידקער רבי, וועלכן ר׳ הירש לייב ז״ל איז זעלבסט געפאָרן קיין נאָוואַרידאק איינלאַדן.

דער קבלת פנים פון די גרעסטע תורה־אַווטאָריטעטן מצד די ישיבה־לייט, צווישן וועלכע עס זיינען געווען פיל גדולי הדור, איז געווען זייער אַ אימפּאָזאַנטער, דער גרעסטער כבוד אָבער איז געווען פאַר אַ גאון, וואָס האָט באַזוכט וואלאָזשין צו זאָגן אַ שעור אין דער ישיבה, און זיך מתפלפל זיין מיט די בני הישיבה, וועלכע זיינען געווען על פי רוב „עלויים״! זעלבסטפאַרשטענדליך אַז מען האָט מכבד געווען מיט דעם שעור די זקני גאוני הדור, ר׳ טעוועלע מינסקער און ר׳ אָסעלע סלוצקער ז״ל. אָבער זיי האָבן פאָרגעשלאָגן דעם יונגן נאוואַרידקער רבי, ר׳ יצחק אלחנן ז״ל.

די ישיבה לייט, די אויסנאַמע קעפּ, האָבן זיך ערנסט שטאַרק פאַרבערייטעט דעם שעור און צו קעמפן מיט דעם יונגן רבי, בפלפולי דאוריתא, מיט אַלע קרעפטן... אָבער ר׳ יצחק אלחנן ז״ל האָט דאַן געוויזן זיין גוואַלדיקע גאונות, און האָט טאַקע העלדיש געזיגט, פון וואָס די ישיבה לייט זיינען העכסט נתפעל געוואָרן און האָבן באַוואונדערט דעם יונגן גאון, וועלכער האָט אַלעמען מנצח געווען מיט זיין חריפות און בקיאות!

און עס איז טאַקע געלונגען די פאַרזאַמלטע גאונים צו פאַראייניקן די „ישיבה־פירער״ און ווידער שלום צו מאַכן צווישן די קעמפנדע צדדים, ווי עס ווערט געענוי געבראַכט אין מיין ספר „זכרון יעקב״ חלק שני.

אין יאָר תרכ״ו—כ״ז איז אין „מירער ישיבה״ אויפגעפלאַקערט אַ מחלוקת צווישן די מנהלים, און מען האָט זיך דאַמאָלסט געווענדעט צום באַוואוסטן גאון און חכם ר׳ בעריש מייזליש, דער וואַרשעווער רב זצ״ל, ער זאָל אַנטשיידן דעם סכסוך, ר׳ בעריש ז״ל האָט אָבער ניט געוואָלט זאָגן זיין מיינונג בעפאָר ער האָט ניט אויסגעהערט די דעה פון יונגן גאון ר׳ יצחק אלחנן ז״ל (ער איז שוין דאַן געווען קאָוונער רב) ער האָט צו אים דאַן געשיקט 2 בריוו און געבעטן ער זאָל דער סכסוך אַנטשיידן, אויסנוצנדיק די געלעגנהייט האָט ר׳ בעריש ז״ל אים אויך געפרעגט אַן עצה אין א שו״ת וועגן אַ גט וואָס האָט געטראָפן אין וואַרשע.

ר׳ יצחק אלחנן זצ״ל האָט טאַקע אויך אין „מירער ישיבה״ שלום גע־
מאַכט, און אַלע זיינען פון אים העכסט צופרידן געווען.

אין יאָר 1861 איז אין שטעטל שאַוולאַן קאָוונער גובערניע, פאַרלאָרן גע־
וואָרן דריי חדשים פאַר פסח אַ קריסטלעך קינד. צוויי טעג פאַר פסח האָט מען
דאָס קינד געפונען טויט און באַגראָבן טיף אונטער דער אייז. און כאָטש מען
האָט עס געפונען הינטער אַ קריסטלעך הויז, איז באַלד אין שטעטל געוואָרן
אַ מהומה גדולה, ווייל די קריסטן האָבן פאַרשפּרייט די אַלטע לעגענדע פון
„עלילת־דם״. די אידן האָבן געלעבט אין טויט שרעק אייניקע חדשים. דער
ווילנער גענעראַל־גובערנאַטאָר נאַזימאָוו האָט דעלעגירט אַ ספּעציעלע קאָמיסיע
אין וועלכער עס האָבן זיך באַטייליקט „טאָלסטאָי״ און „לעוואַנדע״, זעלבסט־
פאַרשטענדליך, אַז די קאָמיסיע וועלכע האָט אָביעקטיוו זיך באַצויגן צו דער
אומגעריכטער אויפגעטראַכטע באַשולדיקונג, האָט איינגעזען אַז די אידן זיינען
געפאַלן אַ קרבן פון אַ פאַלשער רכילות! אָבער די אַנטיסעמיטישע העצע האָט
ניט אויפגעהערט, און די אידן וואָס האָבן געוואוינט אין שאַוולאַן האָט געדראָט
אַ גרויסע סכנה ר״ל.

די פאַרשידענע השתדלות׳ן האָבן אויך ניט געהאַט קיין ערפאָלג, ענד־
ליך זיינען די אידן געקומען צום נאָווארידקער רב ר׳ יצחק אלחנן ז״ל (דאָס
האָט פּאַסירט 3 יאָר פאַר זיין אָנקומען אין קאָוונע) און ער האָט גלייך גע־
מאַכט אסיפות, וועלכע האָבן אָנגענומען פאַרשידענע שריט, און נאָר אַדאַנק ר׳
יצחק אלחנן ז״ל איז ב״ה געלונגען פעסט־צושטעלן דעם אמת, אַלע האָבן
קלאָר דערזען דעם פאַלשן בלבול אַף אידן, און די שאַוולאַנער אידן זיינען
נצול געוואָרן פון אַ גרויסע סכנה, וליהודים היתה אורה!

אין יאָר תרל״ז איז אין אָסט־פּרייסן דאָס גערעטעניש אַף תבואה זיי־
ער שלעכט געווען, און מ׳האָט דאָרט געמוזט אימפּאָרטירן די תבואה פון ליטע
און זשאַמוט, דער תבואה־האַנדל האט דאַדורך געבליט אין ליטע, און די אידן
האָבן גוט פאַרדינט, די אַלע זאַפּאַסן האָבן זיך דורך דעם פאַרגרעסערטן עקס־
פּאָרט אויסגעשעפּט, און גראָד האָט פאַרן שניט פון דער נייער תבואה אָנגע־
הויבן שטאַרקע רעגנס, וועלכע האָבן פשוט פאַרפלייצט די פעלדער, די גאַנצע
תבואה איז געבליבן אַף די פעלדער ניט אָפּגעשניטן, און עס איז פאַרפוילט גע־
וואָרן ר״ל.

דאָס פאָלגנדער יאָר תרל״ח איז ווידער געווען אַ טרוקן יאָר, און צוליב
דעם איז געוואָרן אַ שטאַרקער הונגער אין ליטע, רייסין, און זאַמוט, כמעט
דריי יאָר האָט מען אין די געגנטן ניט געהאַט קיין אייגענע תבואה און מ׳האָט
אַלץ געמוזט ווידער אימפּאָרטירן פון אַמעריקע און האָלאַנד; פון מעבר לים
איז לייכטער געווען צו אימפּאָרטירן ווי פון די ווייטע מקומות אין רוסלאַנד
גופא, צוליב די שלעכטע באַן קאָמוניקאַציע. דאָס איינציקע וואָס מ׳האָט אימ־
פּאָרטירט פון נאָענטע געגנטן אין רוסלאַנד, איז געווען ה י ר ז ש, מיט דעם

אַרטיקל האָבן זיך ערגעהרט הונדערטער טויזנטער מענטשן, וועלכע זיינען ניט אימשטאַנד געווען צו קויפן די טייערע תבואה וואָס איז געוואָרן אימפּאָרטירט פון אויסלאַנד.

די שרעקליכע פאָלגן פון דעם הונגער ר״ל אין יאָר תרל״ז זיינען אומעגליך צו שילדערן. דער עלנד און דער דלות האָט דערגרייכט די העכסטע מדרגה. עס האָט געבושעוועט אין לאַנד דער טויט ר״ל. מענטשן זיינען געפאַלן פאַרשמאַכטע אין די גאַסן, אַמייסטנס האָט געליטן געוויינליך די אידישע באַפעלקערונג, וועלכע איז, ליידער, באַ יעדער אומגליק צייט דאָס ערשטע קרבן!...

דאָס ערשטע מאָל אפשר אין דער געשיכטע, איז אַגוואַלטיקע סאָלידאַריטעטס־געפיל ווי אַ ציטער און דונער דורכגעגאַנגען דורך דעם גאַנצן גוף פון דער אומה הישראלית. אמת, אַז איינצלנע יחידים נדיבים האָבן שוין אין פאַרשידענע תקופות געאיילט צו הילף זייערע ברידער פון די ווייטסטע מקומות; אזוי למשל: איז אין יאָר ת״ר 1840 דער באַרימטער ר׳ משה מאַנטיפיאָרע ז״ל, אין באַגלייטונג פון ״קרעמיע״ געקומען ראַטעווען זיינע ברידער פון דעם טרויעריקן באַוואוסטן עלילת דם. אויך אין יאָר ת״ר 1840 איז דער זעלבער מאָנטיפיאָרע געקומען קיין רוסלאַנד אונטערהאַנדלען מיט ״ניקאָלאַי דעם ערשטן״ אויסצובעסערן דעם אידישן טרויעריקן מצב; אויך קרעמיע איז געווען אין ״רומעניען״ און אויך אין ״מאַראָקאָ״ וועגן אידישע אַנגעלעגנהייטן, אָבער דאָס זיינען דאָך געווען ״יחידים״ די בחירים, וואָס האָבן געפילט דעם אידישן שמערץ.

אין די הונגער־יאָרן האָט דאָס גאַנצע אידישע פאָלק בכל תפוצות ישראל רעאַגירט אַפן גרויסן אומגליק, וואָס האָט געטראָפן די ברידער אין רייסן, ליטע, זאַמוט. עס האָט זיך צו דעם צוועק געגרינדעט אַ קאָמיטעט אין ״מעמל״ פון די פאָלגנדע נכבדים: הגאון חכם וצדיק ר׳ אלי׳ (לעווינזאָן) קרעטינגער, הרה״ג ה׳ יוליוס הירש, ר׳ אלי׳ בער — ר׳ יצחק אלחנן׳ס מחותן און ר׳ ראובן שלעזי, אַלס סעקרעטאר איז זייער טעטיק געווען דער באַרימטער ראַבינער דאָקטאָר רילף.

דער קאָמיטעט האָט זיך געווענדעט צו אַלע ברידער אין אַלע לענדער און עס איז אריינגעפלאָסן 170 טויזנט רובל.

לויט די אַמאָליקע פערהעלטניסן, איז דאָס געווען אַ גוואַלטיק גרויסע סומע!

כאַראַקטעריסטיש זיינען געווען די בריוו מיט די נדבות, וואָס פלעגן אָנקומען, אַזוי למשל, האָט אַ קעכין צוגעשיקט ״אַ פּאָר פעניג״ מיט אַ וואַרימען בריוו אין וועלכן זי האָט געבעטן אָנצונעמען די אָרימע נדבה, וואָס זי האָט אָבגעשפּאָרט פון אירע ״פאַרדינסטן״ אַנשטאָט צו באַזוכן יעדע וואָך אַ פאַרוויילונג, שרייבט די קעכין האָט זי די פּאָר פעניג געשיקט אין קאָמיטעט צו העלפן די נויטבאַדערפטיקע ברידער.

אויך אין ״קאָוונע״ איז אַן ענליכער קאָמיטעט געגרינדעט געוואָרן, אין וועלכער ר׳ יצחק אלחנן איז געווען דער טעטיקסטער מיטגליד. זיין ענערגישע

ארבעט איז געווען איבערנאטירליך׳ און עס איז אדאנק דער פארצווייגטער טעטיקייט געלונגען צו גרינדן א קיך׳ וואו אלע האבן באקומען אומזיסט פיינע מיטאקן׳

מיט דער הילף פון „כל ישראל חברים״ אין פאריז און דורך דער שטיצע׳ וואס עס האט צוגעשיקט הרה״ג הצדיק ד״ר׳ לעהמאן פון מאינץ׳ איז אויך געלונגען די בכבוד׳יקע ארימע מענטשן צו שיקן יעדן שטיצע א היים׳ כדי זיי זאלן ניט דארפן זיצן באם טיש׳ און עסן לחם עוני אין דער ארימער קיך...

אויסער דער מאטעריעלער הילף וואס האט אבגעראטעוועט הונדערטער טויזנטער מענשן פון הונגער טויט׳ האט ר׳ יצחק אלחנן ז״ל׳ אין די הונגער־יארן ארויסגעוויזן זיין גרויסע גייסטיקע קראפט׳ זיין אווטאריטעט אין הלכה׳ און האט מתיר געמאכט „קטניות״ צו עסן אין פסח׳ ער האט אבער אויסדריקליך זייער שטארק באטאנט׳ אז נור ע״פ דוחק און נור צוליב דעם שרעקליכן הונגער׳ שטיצנדיק אף דעם היתר האט אויך הגאון המפורסם ר׳ יעקב מאיר פאדווא פון בריסק ז״ל׳ מתיר געווען אין א גרויס הונגער יאר קטניות אין פסח׳

אזוי האט ר׳ יצחק אלחנן ז״ל געווירקט דורך זיין גרויסער לומדישער אווטאריטעט ווי דורך זיין גרויסער השפעה אף אלע אויסלענדישע רבנים׳ משכילים׳ גבירים׳ כדי צו לינדערן די גרויסע נויט אין די יארן 1867־69.

עפנטליכע׳ אין ברייטן מאסשטאב אנגעפאנגענע פילאנטראפישע טעטיקייט במשך פון די הונגער־יארן׳ האבן ר׳ יצחק אלחנן ז״ל געשטעלט אין דער ערשטער ריי פון געזעלשאפטליכע טוערס׳ ניט נור אפן פאליטישן געביט׳ נאר אויך אף דעם סאציאל עקאנאמישן׳ איבערהויפט אפן פילאנטראפישן געביט׳

שטענדיק׳ ווען עס האט זיך געטראפן א אומגליק ר״ל׳ אין א שטאט׳ איז רי״א ז״ל געווארן די ערשטע אינסטאנץ פון וועלכער מ׳האט פארלאנגט הילף!

די פארצווייגטע קארעספאנדענץ׳ מיט די אויסלענדישע רבנים׳ נדיבים׳ וואס רי״א ז״ל האט אנגעקניפט׳ אין די הונגער־יארן׳ האט ער שטענדיק אויסגענוצט׳ ווען עס איז געווארן א עת צרה ר״ל׳ גלייך נאך די הונגער יארן׳ איז אפגעברענט געווארן א שטעטל „ווידז״ קאוונער גובערניע׳ און נור א דאנק דער השתדלות פון רי״א ז״ל׳ וועלכער האט פון מעמלער קאמיטעט באקומען אכט טויזנט רובל׳ האט זיך דאס שטעטל צוריק אופגעבויט׳ אין יאר 1874 איז ווידער „ווילקאמיר״ אפגעברענט געווארן׳ זעקס טויזנט מענשן זיינען געבליבן מחוסרי לחם ר״ל׳ און רי״א ז״ל׳ האט א דאנק זיינע פארבינדונגען אין אויסלאנד׳ זיין גוט הארץ און ענערגיע׳ באקומען ווידער פאר ווילקאמירער נשרפים זעקס און צוואנציק טויזנט רובל!

על כל צרה שלא תבא׳ סיי ביים כלל׳ סיי ביי יחידים׳ אלע האבן געוואוסט׳ אז רי״א איז דער׳ וועלכער פילט מיט דעם אומגליקליכן און וועט אים׳ א דאנק זיין גוואלדיקע השפעה׳ ברייגנען הילף ב״ה׳

די הונגער יארן האבן פאראייניקט אלע אידן אף דער וועלט און ערוועקט אין אלע דאס רחמנות געפילי שפעטער ווען עס האט אין פערסיען

אין יאָר תרל״ב 1872 געהערשט אַ הונגער נויט, דאַמאָלסט האָבן ווידער די אידן פון רייסן, ליטע, געהאָלפן די ברידער אין פּערסיען. אויך אין דער צייט פון דייטש־פראַנצויזישן קריג אין יאָר 1871 האָבן אונזערע אידן געהאָלפן די הונגעריקע אין שטראַסבורג, איבערהויפּט האָט רי״א ז״ל אויסגענוצט די אָנגעקניפּטע באַציאונגען מיט די אויסלענדישע נדיבים. אין משך פון פיל יאָרן איז דאַדורך די הויז פון רי״א ז״ל געוואָרן באַלאַגערט פון אַלע נויטבאַדערפטיקע, וועלכע רי״א ז״ל האָט געגעבן שטענדיק עמפעלונג, און מכתבי בקשה, צו זיינע באַקאַנטע פערהערער אין אויסלאַנד.

מערקווירדיק ווי ער פלעגט געדיינקען אָן די הונדערטער באַקאַנטע צו שיקן זיי אין פאַל פון אַ שמחה, אַ גראַטולאַציאָנס־בריוו, אָדער אין פאַל פון אַן אומגליק ר״ל אַ מכתב תנחומים, אָדער ערב ראש השנה אַ ברכה, כדי ניט אָבצוהאַקן דעם פאַרבינדונג־פאָדעם, און כדי צו קענען שטענדיק בריינגען דעם עלנדן דאַדורך נוצן און הילף.

ה׳ יעקב מארק באַשרייבט אין ניו־יאָרקער „טאָג״ די מערקווירדיקע פערזענליכקייט פון גרויסן גאון ר׳ יצחק אלחנן:

„אָן שום וואלן, אָן שום אַגיטאַציעס איז רבי יצחק אלחנן אויסגעוויילט געוואָרן פון אַלע אידן איבער דער גאַנצער וועלט פאַרן „גדול הדור״, און אין די לעצטע דרייסיק יאָרן פון זיין לעבן — אויך פאַרן „פרנס הדור״, פאַרן פירער פונם אידישן פאָלק. יאָ, ווען רבי יצחק אלחנן וואָלט געלעבט אין אונזער צייט, וואָלט דאָס אַוודאי קיין גרויסער חידוש ניט געווען, אָבער צו לעבן אין איין צייט מיט אַזעלכע גאונים־ריזן, ווי: אַשטייגער, רבי יוסף שאול הלוי נאַטאַנזאָן, רבי יהושע ליב דיסקין, רבי ישראל סאַלאַנטער, רבי שלמה קלוגער, דער מלבי״ם, דער חידושי הרי״מ ז״ל און נאָך און נאָך, און דאָך צו גילטן פאַר אַזאַ גרויסען אַווטאָריטעט אין דער לומדישער וועלט, אַז פון אַלע עקן פון דער וועלט האָבן זיך גאונים געווענדעט צו אים מיט שאלות ותשובות — דאָס ווייזט די געוואַלטיקע גרויסקייט פון רבי יצחק אלחנן, וואָס מיט 33 יאָר צוריק האָט ער נאָך געלעבט מיט אונז צוזאַמען.

„אָבער אַ גרויס חידוש איז, וואָס אַ מענטש, וועלכער איז אויפגעוואַקסן און אָפּגעלעבט דאָס רוב יאָרן אין קליינע שטעטלאַך, געווען תמיד איינגעשלאָסן אין די ד׳ אמות של הלכה, געלערנט שטענדיק ניט ווייניקער ווי 18 שעה אין מעת לעת, ווייט געווען פון דער וועלט און ניט באַזעסן קיין שום וועלטליכע בילדונג, אַז אַ חוץ אידיש האָט ער קיין אַנדער שפּראַך ניט פאַרשטאַנען, און שטענדיק געמוזט מיטנעמען אַ דאָלמעטשער, בעת ער האָט געדאַרפט זיך משתדל זיין ביי דער רוסישער נאַטשאַלסטוואָ וועגן אַ אידישן ענין — און דאָך איז דער דאָזיקער הימל־מענטש אויסגעוואַקסן פאַר איינעם פון די טיכטיקסטע און איינפלוס־רייכסטע כלל־טוער פון זיין צייט, וואָס צוליב אים איז די שטאָט קאָוונע געוואָרן דער צענטער פון אידנטום.

„זיין גרויס השפעה אין כלל־ענינים איז ניט געווען בלויז צו מערקן ביי די אָרטאָדאָקסישע אידן, נאָר אויך ביי דער אידישער אינטעליגענץ און ביי די

אידישע מאגנאטן אין רוסלאנד און אין אויסלאנד ווי: באראן גינצבורג, פאליאקאוו,ווארשאווסקי, באראן הירש, די ראטשילדס און אנדערע, ניט וויינינקער געשעצט און רעספעקטירט האבן אים אויך די רוסישע רעגירונגס־באאמטע, מיט וועלכע ער איז אפט נעקומען אין בארירונג וועגן שתדלנות. און בעת דער דאלמעטשער האט פאר זיי פארגעלייגט זיין בקשה, פלעגט רבי יצחק אלחנן ברויכן ניט א ווארט ריידנדיק, א קוק טאן אפן באאמטן מיט זיינע אומעטיקע, באצויבערנדיקע אויגן, און גע׳פועל׳ט אלץ, וואס ער האט געדארפט, דורכגעפירט זאכן, וואס בארימטע אדוואקאטן מיט זייערע געשליפענע צינגלעך האבן דאס נאך ניט געהאט בכח.

„נאך מער חידוש איז געווען דער גרויסער רעספעקט און די אופריכטיקע ליבשאפט צו אים מצד די משכילים און ראדיקאלן, טראטץ דעם וואס אין זיין צייט — אין רעכטן ברען פון דער השכלה — זיינען געפירט געווארן די ביטערסטע קאמפן קעגן בית־מדרש און קעגן רבנים, און טראץ דעם, וואס זיין גאנצע הנהגה איז געווען פון אן עכט פארצייטיקן רב, ביי וועמען די לשון־קודש׳דיקע ביכלאך זיינען טריף געווען און ער האט כל ימיו געשטרעבט צו פארשפרייטן תורה און יראת שמים.

„עס זיינען אמאל געגאנגען א קאמפאניע סטודענטן מיט מיידלאך אום שבת, אפן זומער־פלאץ, וואו רבי יצחק אלחנן האט זיך אופגעהאלטן. אלע מיט די שטעקנס אין די הענט און אנדערע אויך מיט סיגארעטלעך אין מויל. און פלוצלונג קומט זיי אנטקעגן רבי יצחק אלחנן! פאר גרויס בושה האבן זיי אוועקגעווארפן די סיגארעטלעך און די שטעקנס באהאלטן פון הינטן, און טומענדיק נעענטער צו אים, האבן אלע א זאג געטאן: „גוט שבת, רבי!” מיט גרויס פריינטלעכקייט האט ער זיי געענטפערס: „א גוט יאר אייך, ליבע קינדערלעך!” מעגליך, אז ער האט באמערקט די באהאלטענע שטעקנס, אבער אים איז א פנים ניחא געווען, וואס זיי שעמען זיך כאטש.

„נו, פרעגט זיך, אין וואס איז טאקע באשטאנען דער כח פונם דאזיקן פארצייטיקן, אלטמאדישן רב, צו האבן אזא גרויסע השפעה אף אלע קלאסן אידן און אף דער רוסישער נאטשאלסטווא?

„פיל מיינען, אז זיין כח השפעה איז באשטאנען אין זיין וואונדערבארימפאזאנטן הדרת־פנים מיט זיינע גוטמוטיקע אויגן, וואס האט אלעמען באצויבערט, אויך א דאנק זיין גוט הארץ און זיין טאלעראנץ, איך מיין אבער, אז דאס אליין איז נאך ניט גענוג אף צו ווערן אזא איינפלוסרייכער כלל־טוער, ווען ער וואלט ניט באזעסן די גרויסע מעלה זיך שטריינג צו האלטן אין אלע זיינע האנדלונגען אן דעם אמת׳ן אמת, אף אזוי ווייט, אז צוליב זיין אופריכטיקער תמימות האבן אים פיל געהאלטן פאר א צו נאאיון און פאר ניט קיין קלוגן, וואס באמת איז דאס דער פאל ניט געווען. אונזערע כלל־טוער, הן די רבנים, און הן די משכילים, הן די פרומע און הן די ראדיקאלן, פילט יעדער ביי זיך זיין שוואכקייט צום אבסאלוטן אמת און זוכט עס צו פארדעקן מיטן פייגנבלאט פון פאליטיק, מיטן „קאנווענציאנעלן שקר”, ווי מאקס נארדוי דריקט זיך אויס. און דעריבער האבן אלע געוואלטיק גרויס רעספעקט פאר איינעם,

וואָס ווייסט ניט פון פּאָליטיק, גייט זיך זיין גראדן וועג און זוכט קיין שום כבוד פאַר זיינע כלל־אַרבעט.

„רבי יצחק אלחנן איז זייער ווייט געווען פון זוכן כבוד, פאַרקערט, ער איז געווען אַ גרויסער מהדר צו געבן דעם אַנדערן כבוד.

„בעת עס פלעגט אים אויסקומען דורכצופאָרן אַ שטאָט אָדער אַ שטעטל און זיך געדאַרפט דאָרטן אָפּשטעלן, כאָטש נאָר אַף אַ פּאָר שעה, פלעגט ער תיכף לויפן צום רב מיט אַ וויזיט, אים אָפּגעבן דעם כבוד, וואָס עס קומט אים אַלס מרא דאתרא. אַז מען פלעגט אים לאַדן צו אַ סיום, האָט ער תמיד געזוכט צו הויבן דעם כבוד פונם זאָגער און פון די גבאים אין די אויגן פון די אַנ־וועזנדע. דאָס זעלבע איז געווען בעת אים פלעגט אויסקומען צו הערן אַ חזן אָדער אַ מגיד, פלעגט ער תמיד זיין פון די ערשטע זיי אָפּצוגעבן אַ ברייטן און אַ האַרציקן יישר־כח. ער האָט אַ רגילות אַלע זיינע באַקאַנטע אָנצורופן מיטן טיטל „רבי”, אפילו אונטער די אויגן, און ניט בלויז די שיינע בעלי־בתים, נאָר אויך זיינע בעלי־מלאכות. די אַריינגייער אין זיין הויז האָבן גאַנץ אָפט געהערט, ווי ער פלעגט זאָגן צו זיינע בני־בית: „לאָזט רופן רבי ישעיה דעם שוסטער”, אָדער: „גייט־זשע באַשטעלן רבי גרשון דעם איזוואָשטיק” א. ד. גל.

„דער פּראָסטער עולם האָט אים געוואַלטיק פאַרגעטערט, כאָטש ער האָט זעלטן ווען געהאַט די זכיה אים צו הערן ריידנדיק. רבי יצחק אלחנן איז בכלל געווען אַ שוואַכער רעדנער, און זיין גאַנצן ריידן פאַרן עולם האָט זיך באַשריינקט אַף צוויי שבתים אין יאָר; שבת הגדול און שבת שובה, און ווי געוויינליך זיינען די דרשות באַשטאַנען פון טיפע פלפולים און חילוקים, וואָס דער גרוי־סער עולם האָט דאָס ניט משיג געווען.

„אַלס כאַראַקטעריסטיק, ווי ווייט עס איז געווען די גרויסע ליבשאַפט און רעספּעקט פון המון־עם צו רבי יצחק אלחנן, קאָן אונז דינען פאָלגנדער פאַקט:

„בעת ער איז געקומען קיין ווילנע אַף רבי מתתיהו שטראַשון'ס לויה, און ווי ער איז אַרויס פון וואָקזאַל, צוזאַמען מיט זיין שמש, זיך צו זעצן אַף אַ קאָליאַסקע, אַריינצופאָרן אין שטאָט, האָבן אַלע אידישע בעלי־עגלות זיך אָנגע־פאַנגען צו בעטן, אַז ער זאָל מיט זיי פאָרן. איינער האָט אָבער אַלעמען אַרי־בערגעשריען און ניט ווי מיט זיין קול האָט ער אָנגעפאַנגען צו שרייען: „געוואַלט, רבי, האָט רחמנות!” רבי יצחק אלחנן, דערהערנדיק דעם וואָרט „רחמנות” האָט ער זיך שוין אַריינגעזעצט אין זיין קאַרעטע, ניט קוקנדיק אַף דעם, וואָס דער בעל־עגלה האָט אויסגעזען שרעקליך פּראָסט און מגושמ'דיק. ער איז מיט אים אַרומגעפאָרן דעם גאַנצן טאָג און שפּעטער אויך צוגעפאָרן מיט אים צום וואָק־זאַל, אַף אַוועקצופאָרן צוריק קיין קאָוונע. ווען דעם רב'ס שמש האָט געפרעגט דעם פורמאַן, וויפל ער דאַרף באַצאָלן פאַר די אַלע יאַזדעס, איז דער פורמאַן געוואָרן אין כעס און געשריען, ווי דערלויבט ער זיך אים צו באַליידיקן צו וועלן באַצאָלן פאַרן פירן דעם רבי'ן. רבי יצחק אלחנן איז אַליין צוגעגאַנגען און זיך געבעטן רחמים ביים פורמאַן, אַז ער זאָל זיך לאָזן באַצאָלן, ווייל ער ברייגט אים דורכדעם אַן עבירה. אויך אַנדערע זייטיקע מענטשן האָבן זיך אַריינגע־מישט און געזוכט איינ'טענה'ן מיט אים, אַז ער זאָל ניט זיין אַזאַ עקשן. עס

האט אבער ניט געהאלפן. דער פורמאן האט געכאפט און געשווארן ביי זיין ווייב און קינדער, אז ער וועט קיין געלט ניט נעמען. נאכדעם, ווי רבי יצחק אלחנן איז אוועקגעפארן, גיט דער פורמאן א זאג צו די ארומיקע: געכאפט א יאלד, ווער עס וועט נעמען געלט פאר אזא מצוה!״.

„צו אלע זיינע גרויסע מעלות איז ער באשאנקען געווארן פון דער נאטור מיט א געוואלטיקער ענערגיע און מיט אן אונערמידליכער ארבעטס-קראפט. ער האט ממש א מינוט ניט גערוט און ניט בלויז אין זיינע אינגערע יארן, נאר אויך בעת ער איז שוין געווען א זקן אין די זיבעציקער, האט ער נאך באזעסן די ענערגיע און ארבעטס-לוסט פון א צוואנציק-יעריקן. זיין שטוב איז שטענדיק פול געווען מיט מענטשן און כמעט יעדן טאג דאס זעלביקע בילד: דא זיצן יונגעלייט, ווארטן אף סמיכות און ריידן מיט אים אין לערנען; דא א קצב מיט א ריאה און דא די מאסן אורחים פון נאענט און פון ווייט און אין מיטן דערינען קומט אריין דער בריוטרעגער און דערלאנגט א גרויסן פאק בריוו. אזוי ווי זיין מנהג איז געווען ניט דורכצולאזן קיין בריוו אן אן ענטפער פלעגט ער דעריבער יעדן טאג כמה שעה פארברייגען אין שרייבן בריוו. זיין קארעספאנדענציע איז געווען זייער פילזייטיק און בונטפארביק. שטענדיק דיקטירט פון א ברייט הארץ, פול מיט צער און רחמנות, אפן יחיד ניט ווייניקער, ווי אפן כלל, און דעריבער איז קיין וואונדער ניט, וואס אין דער זעלבער צייט, ווען ער האט געשריבן קיין פעטערבורג צו די אידישע פירער, זיי זאלן זיך משתדל זיין צו פארלייכטערן די מאנכע גזירות אפן כלל, האט ער צוגלייך געשריבן צו בעלי-בתים אין עפעס א קליין שטעטל, מוסיף צו זיין די שכירות פארן רב. די זעלבע פאסט, וואס האט אוועקגעפירט זיינעם א בריוו צו באראן גינצבורג אדער צו די ראטשילדס מיט א בקשה פארן כלל, האט אויך אוועקגעפירט זיינעם א בריוו צו איינעם אין א שטעטל מיט דער בקשה, אז ער זאל כאטש נאך א האלב יאר געבן זיין איידעם קעסט, ביז ער וועט ראוי זיין צו באקומען סמיכה אף רבנות.

„אין דער זעלבער צייט, וואס ער האט צושיקט אופרופן צו די גבירים אין לאנד און אין אויסלאנד, צו העלפן די ארויסגעטריבענע פון די דערפער, אויפצוריכטן אפגעברענטע אידישע שטעט; צו שטיצן ישיבות און כוללים, איינצוריכטן כשר׳ע קיכן פאר סאלדאטן וכדומה – האט ער אויך פונאנדערגעשיקט קול-קורא׳ס אין אלע אידישע שטעט, ניט מסיג גבול צו זיין א רב אדער א שוחט, ניט צו נוצן מארגארין צוליב א חשש-חלבי, ניט צו געברויכן קארפוער אתרוגים, דוקא ארץ-ישראל׳דיקע א. ד. גל.

„א חוץ דעם אלעס פלעגט ער טעגליך אנשרייבן אומצייליקע רעקאמענדאציעס פאר רבנים, פאר מגידים, פאר מחברים, געפאלענע בעלי-בתים, וואס האבן נויטיק געהאט צו פארן איבער דער וועלט זיך צו פארהעלפן, און צו עמיגראנטן, וואס פארן אין אמעריקע, אדער, א שטייגער געבן א בריוו צו פראפעסאר שרייבער אין קעניגסבערג אריינצונעמען אן ארימען חולה אין האספיטאל: צו ראטשילד׳ס קראנקענהויז אין זאדן, ביי פראנקפורט, פאר איינעם א הארץ-ליידנדיקן; צו ד״ר הילדעסהיימער אין בערלין, פאר איינעם וואס האט נויטיק א קור אין א דייטשע באדע-ארט, כהנה וכהנה פיל אזעלכע בריוו.

„אָט דאָס אַלץ האָט ער געטאָן אין דער זעלבער צייט, וואָס ער איז גע־וועזן אַריינגעטאָן אין ענטפערן תשובות אַף שווערע קאָמפּליצירטע שאלות, און נאָך געפונען צייט צו פירן קאָווגער רבנות און זיך צו אינטערעסירן פאַר אַלע לאָקאַלע אינסטיטוציעס.

„זעלטן ווען אַ מענטש האָט זוכה געווען צו פאַרברייינגען אַזאַ שיינעם, בוצליכן און ערפאָלגרייכן לעבן, ווי רבי יצחק אלחנן, דערגרייכט בערך אַן עלטער פון 79 יאָר און פאַרבליבן פאַר אַלע צייטן אַ היסטאָרישע פיגור".

* * *

די כלל־אַרבעט פון גרויסן גאון און צדיק מיט זיינע מיטהעלפער, וואָס האָט נאָך היינט זייער אַ גרויסע באַדייטונג איז אַ היסטאָרישער פאַקט, און עס לוינט דוקא היינט זיך אָפּצושטעלן און צו פאַרטיפן זיך אין דער »סיסטעם« ווי זי איז געפירט געוואָרן, כדי צו פאַרגלייכן איר מיט דער אַרבעט פון אַ געוויסע טייל ה י י נ ט י ק ע כלל־טוערס, וואָס האָבן אומגעבעטענערהייט איבער־גענומען די אפּוטרופסות אָפן כלל ישראל.

ווען מען פירט דורך אַ פּאַראַלעל צווישן די אַמאָליקע כלל־טוערס און די היינטיקע, זעט מען דעם גוואַלטיקן ח י ל ו ק צווישן די ביידע.

דאַמאָלסט האָט דער כלל־טוער געהאַט אַ וואַרם אידיש האַרץ, די כלל־אַרבעט איז געווען אַ דבר שבקדושה, עס איז געטאָן געוואָרן אַ ג—לעכע אַר־בעט, די אַקציע איז געפירט געוואָרן עכט אידישלעך, און דאַדורך איז זי גע־וועזן שטיל, באַשיידן, אופריכטיק און ערליך, אָן טאַראַראַם, אָן פּויקעריי, אָן בלאָף, אָן באַנקעטן, ראַאוטן, אַקאַדעמיעס, מענטשן האָבן זיך מוסר נפש גע־ווען צו ראַטעווען דעם כלל פון אַ עת צרה, און זיי האָבן געפילט די גרויסע אחריות, וואָס ליגט אַף זיי.

אַ איד, אַ גאון, וואָס זיין גאַנץ לעבן איז קאָנצענטרירט אין לימוד התורה מיט דער גרעסטער התמדה, אַ איד, וואָס לעבנדיק אַליין אין חיי צער, ענטפערט טאָג־טעגליך הונדערטער שאלות־ותשובות בכל תפוצות ישראל, סיי אין הלכה, סיי בכלל אין מאַטריעלע אָדער אין גייסטיקע ענינים, וואָס זיינען בוגע דעם כלל אָדער דעם פרט; הערנדיק אַז אַזאַ שטעטל איז אָפּגעברענט געוואָרן, עס האָט אויסגעבראָכן ר"ל אַ הונגער, אַ גזירה, מען טרייבט אידן פון די דערפער וכדומה, אָדער אין יענער געגנט אַ פּאָגראָם ר"ל, דאַמאָלסט האָט ער „אָן זיך" אינגאַנצן פאַרגעסן, און דער אַלטער שוואַכער גאון ניט קוקנדיק אַף וועלכע עס זאָל ניט זיין, איז ער געלאָפן, געפאָרן העלפן זיינע ברידער, און טאָקע זייער פיל געראַטעוועט, זייער פיל אויפגעטאָן.

מיליאָנען רובל זיינען דורך אים געזאַמלט און צוטיילט געוואָרן, ווען אָ־בער דאָס ליכט האָט זיך אויסגעלאָשן, ווען דער צדיק איז נפטר געוואָרן איז געבליבן זיין גאַנצער פערמעגן 38 רובל מיט 50 קאָפּיקעס! דאָס געלט איז שטענ־דיק געלעגן באַהאַלטן אַף כתובה פאַר די פרוי.

בעת ער איז געווען קראַנק, און אפילו ווען ער איז געווען קאָווגער רב און זיין השפעה פאַרן כלל איז געווען גוואַלטיק גרויס, האָט ער פאַר זיך ניט געהאַט די מעגליכקייט צו דינגען אַ גוטע זומער־וואוינונג, ווער רעדט אַז ער האָט זיך ניט געקענט ערלויבן צו פאָרן קיין אויסלאַנד.

זיין הויפּט־סעקרעטאַר, זיין רעכטע האַנט מיין זעליקער פאָטער ז״ל, וואָס האָט אָנגעפירט מיט דער כלל־אַרבעט צענדליקער יאָרן מיט מסירת נפש, איז געשטאָרבן אָרים און עלנד אין קאָוונער „ביקור חולים״, און האָט אַפילו זיין ליבלינג—זיין מוזיניק קיין גאַנצן בגד ירושה ניט געהאַט צולאָזן...

און היינט?

נייע גואלים וואָס פאָרן מיט לוקסוס־צוגן און פאַרבלאָפן די אידישע וועלט אין זייערע ישועות ונחמות, וואָס דערווייל זעט מען נאָר ווי זיי נעמען פענסיעס אפשר בעסערע ווי די ענגלישע רעגירונג גיט אירע מיניסטאָרן, איי־ניקע כלל־טוער האָבן הייזער מיט קופּערנע דעכער, מען קלינגט מיט אַליאַרם־גלאָקן בכל תפוצות ישראל, צו פאַרטומלען די מוחות פון די פאָלקס־מאַסן, וואָס קענען זיך ניט אָריענטירן און אונטערשיידן צווישן אמת און בלאָף, מען פּראַווועט באַנקעטן, ראַאוטן, אַקאַדעמיעס כדי צו סוגעסטירן דעם נאַאיוון אידן.

און ווען מען ציט דורך אַ פּאַראַלעל צווישן די היינטיקע כלומר׳שטע כלל־פאַרזאָרגער, און מען פאַרגלייכט זיי מיט אונזערע אַמאָליקע גאונים וגדולים וואָס האָבן שטיל באַשיידן זיך מוסר נפש געווען פאַרן כלל ישראל, דאַמאָלסט וואַקסן אויף אָט אונזערע אַלטע העלדן שטאַרק און מעכטיק, און באַלייכטן אונ־זער אידישע געשיכטע מיט זייערע הייליקע גרויסע נשמות ומעשים טובים!

די גייסטיקע אייגנשאַפטן פון ר׳ יצחק אלחנן, זיינע מדות, זיין חכמה און גאונות.—

די איינצלנע שטריכן פון דער גרויסער פּערזענליכקייט, איז כמעט אונ־מעגליך צו אַנאַליזירן, איך וויל אָבער זיך באַמיען, צו געבן אַ קליין מיניאַטיור בילד פון דער גוואַלטיקער קראַפט, וואָס האָט אין משך פון 60 יאָר, אָן הפסקה געשאַפן אַף אַלע געביטן פון אידישן לעבן.

וועגן זיין גאונות און די געניאַלע פייאיקייטן אַפן געביט פון לימוד התורה, קען־נען אורטיילן, אָט די אַלע וואָס האָבן א השגה פון זיינע באַרימטע חיבורים, אָבער נאָך אויסער די געדרוקטע ספרים, איז פאַרבליבן אַ גרויסע מיינגע כתבי־ידי, — טויזנטער שאלות ותשובות געפינען זיך נאָך בא יחידים פון אַלע וועלט־טיילן, זיין פּראָדוקטיוויטעט אַף דעם געביט איבערשטייגט כמעט דעם מענטשלעכן פערשטאַנד, און ווען מען נעמט נאָך אין באַטראַכט, אַז אויסער דאָס שרייבן פון חידושי תורה און ענטפערן טאָג טעגליך תשובות, איז ר׳ יצחק אלחנן געווען דער ג ר ע ס ט ע ר אידישער כלל־טוער, און אַלע אידישע געזעלשאַפטליכע ענינים זיינען געוואָרן דורך אים אָנגעפירט, מוז מען ווירק־ליך באַוואונדערן, זיין פלייסיקייט, אַרבעטזאַמקייט און די גוואַלטיקע התמדה.

ווער עס האָט אַמאָל באַזוכט זיין שטוב און האָט געזען די פאַרשיידענע טיפּן מענטשן, וואָס האָבן געוואַרט אויף זיין וואָרט, עצה, תשובה, הילף, אָדער גלאַט אַף זיין ברכה, די וועלן געוויס באַגרייפן אַז זיין אַרבעטסקראַפט, האָט

איבערגעשטיגן די מענשליכע פייאיקייט, עס איז פשוט אומפאַרשטענדליך, ווי האָט דער ש וו אַ כ ע ר ק ע ר פּ ע ר מיט זיין קורצן אָטעם געקאָנט אָן הפסק אַרבעטן, דערביי איז נאָך געווען צו באַוואונדערן זיין ג ע ד ו ל ד וועלכע ער האָט אַרויסגעוויזן צו אַלע מענטשן, אָן אונטערשייד פון שטאַנד, קלאַס און באַשעפטיקונג.

זיין שטוב וואָס איז געווען אַ היים פאַר אַלע עלנדע, אומגליקליכע, איז שטענדיק פול געווען מיט באַזוכער, פיל האָבן פאַרלאַנגט שטיצע, עמפעלונגען, געלט אָדער גלאַט טובות, עס זיינען צווישן די אַלע וואָס האָבן זיך געווענדעט צום גאון געווען אויך אַלערליי מענטשן וואָס האָבן אויסגענוצט זיין וואַר האַרץ כאָטש זיי האָבן ניט פאַרדינט אַז דער גאון זאָל זיך מיט זיי אינטערעסירן...

טיילמאָל האָבן אויך אייניקע אים פשוט געדרויט, אויב ער וועט ניט ערפילן זייער בקשה... דער גאון פלעגט אָבער שטענדיק אויסהערן געדולדיק יעדנס פאַרלאַנג, יעדן ענטפערן, איינעם טרייסטן, דעם אַנדערן געבן שטיצע, דעם דריטן געבן אַן עמפעלונגס־בריוו, א. ד. ג.

אַלס אילוסטראַציע קאָן דינען דער פאָלגענדער פאַל: עס איז אַמאָל געקומען אַן אורח, וועלכן דער גאון האָט עמפּפאַנגען זייער וואַרעם, און ווען מיין פאָטער ז"ל האָט זיך אינפאָרמירט ווער דער אורח איז, וואָס דער גאון ווייזט אים אַרויס אַזוי פיל ליבע און כבוד, האָט דער גאון מיין פאָטער געענטפערט ר' יעקב! ווען איר זאָלט וויסן וויפל „צרות" איך האָב, צוליב דעם פאַרשוין געליטן... אַ זיס־שמייכעלע האָט זיך צוגאָסן אַפן גאון'ס געזיכט, און ער האָט מיין פאָטער דערציילט פאַרשיידענע עפּיזאָדן פון זיין לעבן, ווי אַזוי ער האָט מאַנכע מאָל שטאַרק געליטן פון פ י ל מענטשן, קיין שום שפור פון שנאה איז אָבער בייַ אים ניט געבליבן צו די אַלע פאַרשוינען, כאָטש די אַלע פאַקטן זיינען געשטאַנען ווי לעבעדיקע פאַר זיינע אויגן!

פיל פון זיינע אַמאָליקע קעגנער, זיינען פון ה י מ ל פאַר דעם צער, וואָס זיי האָבן פאַרשאַפט דעם גאון, באַשטראָפט געוואָרן, אָבער דער גאון האָט שטענדיק גראָד צו די פאַרשוינען אַרויסגעוויזן מער רחמנות, און געזוכט ש ט ע נ ד י ק צו העלפן זיי, אָדער זייערע פאַמיליעס, וועלכע זיינען געקומען צום גאון בעטן הילף, קיינער פון די אַלע האָט ניט געהאַט קיין אַנונג אַז דער גאון'ישער זכרון, האָט ניט אויסגעמעקט די אַלע טרויעריקע פאַקטן...

אַן ענלעכער פאַל, וואָס כאַראַקטעריזירט די איבערמענטשלעכע געדולד פון גאון האָט פּאַסירט אַמאָל, אין אַלאַנגער ווינטער־נאַכט, דוכט זיך אין חודש שבט, עס איז שוין געווען נאָך צוועלף בייַ נאַכט, דער גאון האָט זיך איצט קוים באַפרייט פון די פולע אָנגעלעגנהייטן און ערליידיקט די אַלע באַזוכער, די פאַמיליע האָט צוגעגרייט דעם אָוונט־ברויט און געוואַרט, פּלוצלונג זיינען אַ מיינגע מענטשן מיט קולות אַריינגעקומען אין שטוב, מיט קריגערייען און גוואַלטן, שלעגערייען און אַוואַנטיורעס, און האָבן אָנגעפילט די שטוב, עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַ דין־תורה, וואָס איז פאָרגעקומען אין פאַרשטאָט — אין סלאַבאָדקע, דער גאון האָט דאָס רעכט ניט אָנצונעמען די ד"ת, איבערהויפט 12 ביינאַכט, אָבער זיין „סבלנות" האָט זיך אַרויסגעוויזן אַף אַזעלטענעם אופן, די

פאמיליע האט צוליב די קריגערייען געמוזט פארלאזן דאס עס־צימער. דער גאון אבער איז געזעסן רוהיג און געפרואווט בעאיינפלוסן די צדדים, זיי זאלן זיך בארואיקן, און ווען איינער האט, ווענדנדיק זיך צום גאון זיך אויסגעדריקט: „רבי! אויב איך וועל ניט פועל'ן בא מיין בעל דבר, וועל איך אים מסר'ן", האט דער גאון, שמייכלענדיק ארויפגעלייגט די האנט אף זיינע פלייצעס, און געזאגט: מיט א גמרא ניגון „ניין! מסר'ן טאר מען ניט!" די גאנצן נאכט האט געדויערט די דין־תורה, און דעם גאון איז געלונגען ענדליך מפשר זיין צווישן די אופגערעקטע בעלי דברים, און זיי האבן ערשט פיר פינף דעם זייגער אין דער פרי פארלאזן דעם גאון'ס וואוינונג...

* * *

אין דער צייט, ווען דער גאון האט געמאכט די נויטיקע הכנות צו פארעפנטליכן זיינע חידושי תורה, און איבערגעבן צום דרוק זיין ערשטן ספר „באר יצחק", איז ער געווען געצוואונגען, צוליב פארשיידענע סבות, דאס ספר צו דרוקן אין „קעניגסבערג". צו יענער צייט איז דרוק ארבעט טייער געווען, און עס האט זיך געפאדערט א באדייטנדע סומע.

די מאטעריעלע לאגע פון גאון אין „נאווארידאק" איז געווען א קריטישע, ער האט דאדורך איינגעלאדן דעם שטאטישן גביר און אים געבעטן צו פארלייכטערן די שווערע אויסגאבן.

דער גביר, אויסהערנדיק דעם גאון'ס פארשלאג, האט געענטפערט: א רב וועלכער דרוקט א ספר פארלירט דריי זאכן: ערשטנס, דעם נאמען, אין ספר זעט מען, אז דער רב איז ניט קיין גרויסער גאון, ווי מען האט לכתחלה געמיינט. צווייטנס, ווערט ערנידריקט זיין כבוד, ווייל דער רב מוז דאך מיט דעם נייעם ספר ארומגיין צו די גבירים, זיי זאלן עס קויפן. דריטנס, פארלירט דער רב זיין ביסל אייגענעם קאפיטאל, און אויך פרעמדע געלט, וואס אנדערע שטיצן אים.

דער גאון האט רואיק אויגעהערט דעם גביר'ס חכמות, און געזאגט: גוט! איצט ווייס איך דאך, אז דאס דרוקן איז ניט צוליב כבוד, ניט צוליב נאמען און ניט צוליב געלט, נאר בלויז צוליב פארשפרייטן תורה, איצט רבונו של עולם! העלף דו מיר!!

אז דער גאון, ניט דער גביר האט געהאט רעכט, דאס האט באוויזן דאס ערשיינען פון „באר יצחק" אין שנת תרי"ח...

די באציאונג צו יעדן מענשן איז געווען א לעבנסווירדיקע, כמעט א צערטליכע, זיינע „הויז אנגעשטעלטע" האט ער באהאנדלט ווי א י ג ע נ ע פאמיליע. דער גאון האט דורכאויס געפאדערט, אז זיי מוזן צוזאמען מיט אים זיצן ביי איין טיש, און ווען „יענע" זיינען גראד געווען באשעפטיקט, האט ער געווארט ביז זיי וועלן ערלעדיקן אלץ, און קומען צום טיש.

אין די לאנגע ווינטער־נעכט, ניט וועלנדיק די „הויז־דינערשאפט" שטערן פון זייער שלאף פלעגט ער, אליין שליסן די טיר און טויער שפעט בא־

נאכט, ווען ער האט פון א טאג גוואלדיקע ארבעט זיך געלייגט אפרוען, נאכ־דעם ווען ער איז געזעסן כמעט די גאנצע נאכט על התורה והעבודה!

אין די לעצטע לעבנס־יארן, ווען דער גאון איז שוין געווען אלט, שוואך און שטארק ניט געזונט, האט ער איינמאל יום כפור באנאכט געוואלט א היים גיין, און ווייל עס איז געווען א גרויסער רעגן האט ער געוואלט גיין אין קא־לאשן: וועלכע ער האט אבער צוליב שוואכקייט און קורצזיכטיקייט ניט געקאנט אופזוכן, און ווען א בעל־הבית ניט קענענדיק גלייכגילטיק צוזען, ווי דער אלטער קראנקער גאון לייגט זיך אונטער די ביינק זוכן די קאלאשן, האט אים פארגעשלאגן די קאלאשן צו דערלאנגען, האט דער גאון, בשום אופן ניט גע־לאזן, א מענטש זאל זיך פאר אים באמיען, ער האט בעסער געוואלט יענעם העלפן.

* *
*

בעת ער איז געווען נאך א רב אין „בארעזע" דארט וואו ער האט גע־קעמפט מיטן עלנד־האט ניט געהאט קיין פרנסה און געלעבט בלחץ ודוחק ממש איז עפעס א שווינדלער, וואס האט דערפארן די געדריקטע מאטעריעלע לאגע פון גאון, געקומען קיין בארעזע און זיך פארגעשטעלט אלס שליח פון קיידא־נער קהלה, און אים פארגעשלאגן דאס „קיידאנער רבנות" וואס איז אין מא־טעריעלען הינזיכט געשטאנען פיל העכער אלס דאס בארעזער.

די רביצין, וואס האט אממייסטן געליטן פון דער געדריקטער לאגע, האט דעם אורח עמפאנגען מיט גרויס כבוד און אים א לייגערע צייט מאכיל ומשקה געווען.

דער גאון האט אבער ג ל י י ך דערקענט דעם שווינדלער, אבער ניט וועלנדיק אים מבייש זיין, האט ער לפנים געגלויבט זיינע ניט געשטויגענע מעשיות פון קיידאן, און ווען ר' יצחק אלחנן איז שוין נאך פיל יארן געווען קאוונער רב, איז גראד דער שווינדלער ווידער געקומען בעטן א טובה באם גאון, האט ער גלייך זיין בקשה דערפילט, און יענער האט ניט באמערקט אז דער ר"ב געדיינקט אים, זייער גוט נאך פון בארעזע...

ווען ר' יצחק אלחנן איז דאס לעצטע מאל געפארן קיין „פעטערבורג" לטובת הכלל, איז ער שוין געווען זייער אלט און שוואך, צוליב די פילע אנ־געלעגנהייטן, וואס ער האט געמוזט ערלידיקן פאר דער רייזע, איז ער געפארן מיטן לעצטן צוג, די דראשקע האט געווארט, עס איז שוין געווען קורץ פארן אפגאנג פון צוג, פלוצלונג עפנט זיך די טיר און עס קומט אריין א נידער־שלאגענער, ארימער איד, ער דארף א טובה.

אבער זעענדיק, אז אלץ איילט זיך און אז דער גאון האט זיך געזעגנט, איז ער געבליבן שטיין אין פארלעגנהייט, דער גאון האט אים אבער געבעטן צו דערציילן זיין בקשה, און ווען די ארומיקע האבן אויפמערקזאם געמאכט אז מען וועט פארשפעטיקן דעם צוג, האט דער גאון געזאגט: אוי! עס איז א גרויסער רחמנות אפן אידן, און האט אים געגעבן א הארציקן עמפעלונגס־בריוו

קיין קעניגסבערג, מען זאָל העלפן זיין קראַנקע פרוי, וואָס איז דאָרט געלעגן אין שפּיטאָל און נאָך צוגעוואונטשן אים זיין אינערליכע ברכה.

דער עלנטער איד האָט זיך פון פיל פרייד שטאַרק פאַנאַנדערגעוויינט... דער איד האָט נאָכדעם מיין זעליגן פאָטער ז"ל דערציילט, אַז זיין פרוי האָט טאַקע באַקומען קערפּערליכע און מאַטעריעלע הילף, אַ דאַנק ר' יצחק אלחנן זצ"ל.

* *
*

די גרויסע פּאָפּולאַריטעט, וואָס איז געלונגען דעם גאון צו געווינען צווישן אַלע שיכטן פון דער אידישער און אויך פון דער ניט־אידישער באַפעלקערונג, איז אין אַ גרויסער מאָס צו פאַרדאַנקען זיין טיפן חוש פאַר כלל־אַרבעט, זיין דימענטענע הארץ, זיין געוואַלדיקע יראת שמים! זייענדיק בטבע אַ איד וואָס איז גרייט געווען זיך מוסר נפש צו זיין אַף ערקתא—דמסאני, האָט ער אויך אָבער געוואוסט, ווען מען מוז גראד זיין געדולדיק, פּאָליטיש, כדי צו קענען פועל'ן באַ אַ יחיד, אָדער באַ אַ געזעלשאַפט; אַף אַ מענטשן, וואָס האָט אים ווייניק געקענט, האָט ער געמאַכט אַ איינדרוק פון אַ גאַאיוון מאַן, וואָס וויל ניט רעאַגירן אַף די אָדער יענע געשעעניש.

ווער עס האָט אָבער טיפער פאַרשטאַנען די פּסיכאָלאָגיע פון גאון, דער האָט געוואוסט אַז די „געקינסטלטע תמימות" איז געווען אין דעם פאַל נויטווענדיק, כדי צו קאָנען פועל'ן אַז עס זאָל אין דער הינזיכט געשען דער ווילן פון גאון.

אַ קליינער, דוכט זיך, ניט באַדייטנדער פאַקט כאַראַקטעריזירט גאַנץ דייטליך די געקינסטלטע תמימות פון גאון, דורך וועלכער דער גאון האָט דערגרייכט דאָס וואָס ער האָט פון דער פּערזאָן פאַרלאַנגט.

אין אַ קליין שטעטל נעבן קאָוונע, האָט אַ רב, ליידער, געהאַט פיל צרות פון אַ אידן, אַ גביר און תקיף אין שטעטל. דער רב האָט זיך באַקלאָגט פאַרן גאון אַף דעם גביר. אָבער ר' יצחק אלחנן האָט פאַרשטאַנען, אַז אַפן „קליינשטעטלדיקן תקיף" קאָן ער קיין גרויס השפעה ניט האָבן...

צופעליק איז דער גביר — דער תקיף געקומען צום גאון, וועגן אַ פּריוואַט־זאַך, און דער גאון האָט פאַרפירט מיט אים אַ שמועס וועגן רב, וועלכן ער האָט זייער געריימט אַלס גרויסער תלמיד חכם און ירא שמים: „וואָס מאַכט אייער רב דער גאון און צדיק?" האָט דער קאָוונער רב געפרעגט דעם גביר, איך דאַנק אייך, האָט דער קאָוונער גאון געזאָגט, פאַר די טובות, וואָס איר טוט מסתמא אַזאַ גאון! און איך בעט אייך אויך ווייטער אים צו האַלטן בכבוד ווייל ער איז אַ אדם גדול!!

אָט די ווערטער האָבן שטאַרק געווירקט, אַז דער תקיף האָט באַקומען אַ גאַנץ אַנדערע מיינונג פון זיין רב, מיט אַן אַנדער באַציאונג צו אים, און האָט אים טאַקע אָנגעהויבן צו האַלטן בכבוד גדול, און געוואָרן כמעט פון זייגע בעסטע גוטע פריינט.

דער קאָוונער רב זצ״ל האָט אויך טיילמאָל אָנגעווענדעט אַן אַנדער טאַקטיק

עס איז אַמאָל געקומען אַ איד און זיך באַקלאָגט פאַר דעם וועלט-גאון אַף אַ „מסור״, וואָס רודפ׳ט אים אָן אופהער. דער גאון האָט געוואוסט, אַז אַף דעם מסור וועט דאָס מוסר זאָגן ניט האָבן קיין השפעה. דער גאון האָט דאַן דעם מסור איינגעלאַדן קומען צו אים מיט אַ באַזוך, און האָט אים עמפּפאַנגען זייער פריינדליך. דער מסור איז פון דער ווארעמער אויפנאַמע געווען ערשטוינט. ער האָט ניט געקענט באַגרייפן, וואָס דער רבי איז אים עפּעס אַזוי מכבד. דער גאון האָט מיט אים גערעדט, וועגן פאַרשידענע ענינים, און זיך צו אים געווענדעט בזה הלשון:

„איך האָב צו אייך אַ גרויסע בקשה״. דער מסור האָט הכנעה׳דיק געענטפערט, אַז ער איז גרייט ממלא צו זיין דעם רצון פון רבי׳ן, אויב עס איז מעגליך.

איך האָב, האָט דאַמאָלסט דער גאון געזאָגט, אַ גוטן פריינט, אַ איד אַ נכבד, וועמענס מאַטעריעלע לאַגע איז ליידער זייער אַ געדריקטע. עס איז אַף אים אַ גרויסער רחמנות, און איך וואָלט אייך געבעטן אים צו שטיצן און ראַטעווען פון אומגליק; דער גאון האָט אָנגערופן דעם נאָמען פון דעם פּערזאָן, וועמען דער מסור האָט גע׳רודפ׳ט...

איר זייט זיך משתדל פאַר „דעם״ מענטשן, האָט דער מסור געענטפערט. — ער איז ניט ווערט, אַז איר זאָלט זיך אינטערעסירן וועגן אים!

דער גאון האָט אָבער מיט טרערן אין די אויגן אים געבעטן, און דאָס האָט טאַקע געווירקט. ניט נאָר דער מסור האָט אופגעהערט דעם אידן „צו מסר׳ן נאָר ער האָט אים אויך געטאָן פיל טובות!...

אין די אַלע אויבנדערמאָנטע און אין טויזנט ענלעכע פאַלן, פלעגט דער גאון רי״א קיינמאָל זיך ניט רעכנען מיט זיין כבוד; ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַ טובה, איז ער שטענדיק גרייט געווען זיך מוסר נפש צו זיין פאַר יעדן יחיד.

אנשטאָט צו היטן זיין פּערזענליכן כבוד, פלעגט ער לייגן גרויס געוויכט, עס זאָל ח״ו ניט ווערן פאַרשוועכט דער כבוד פון יעדן איד. ווי ווייט אין דעם הינזיכט איז דער גאון געווען קאָנסעקווענט, באַווייזט דער פאַקט, וואָס דער גאון האָט מיין זעליקן פאָטער ז״ל דערציילט פון דער צייט ווען ער איז נאָך געווען רב אין בארעזע.

אין יענע שטעטל איז אַ מנהג געווען פאַר תקיעת שופר צו זאָגן תוך קאַפּיטל תהלים מ״ז — אויך קאַפּיטל מ״ט, און געזאָגט האָט מען דאָס קאַפּיטל פסוק בפסוק, אַזוי אַז עס פלעגט דויערן אַ לייגנערע צייט, און ווייל דער גאון האָט איינגעזען, אַז דער מנהג האָט ניט קיין מקור, האָט ער „מבטל געמאַכט דעם מנהג.

דעם פריהערדיקן רב׳ס פאַמיליע האָט זיך געפילט דאַדורך באַליידיקט ווייל דעם מנהג האָט דער אַלטער רב איינגעפירט. זעענדיק אַז דאָס רופט אַרויס צער באַ אייניקע אידן, האָט דער גאון דעם צווייטן טאָג ראש השנה ווידער אופמערקזאם געמאַכט, אַז מען זאָל זאָגן דאָס קאַפּיטל מ״ט. זעלבסטפאַרשטענדליך האָט דער פּערזענליכער כבוד פון גאון דאַדורך געליטן, אָבער כדי ניט צו

פאַרשאַפן צער אייניקע אידן האָט ער זיין כבוד איינגעלאָזן.

זיין הויפט־שטרעבונג אין די אַלע אויבנדערמאָנטע פאַלן איז געווען, ניט צו מאַכן מחלוקת בא אידן, צו שטאַרקן און פעסטיקן דעם שלום וועלכן ער האָט באַטראַכט אַלס יסוד, צוליב וועלכן ער וועט קענען האָבן די השפעה אַפן אידישן לעבן און עס פירן בדרך התורה והיראה.

זעלבסטפאַרשטענדליך האָט דער גאון די פרינציפן אָנגעווענדעט ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן זיין אייגענעם פערזענליכן כבוד, אָדער וועגן אַ זאַך, וואָס האָט קיין שייכות ניט מיט כבוד שמים.

ווען מען האָט אָבער באַרירט דעם כבוד התורה ולומדיה, דאַמאָלסט ווען ער האָט געזען אַ פרצה אין דת, דאַמאָלסט האָט דער רודף־שלומ׳ניק ווי אַ ברויזנדער וואולקאַן אופגעציטערט, און זיין גאַנצע קראַפט, ענערגיע, אָנגעווענדעט אָפצוהאַלטן פון חלול ה׳ און חלול הדת, ווי מיינע געעהערטע לעזער, וועלן דאָס זען אין די קומענדיקע המשכים, דעם גאונ׳ס האַרציקער וויי־געשריי „עלבונה של תורה", וועלכע איז אויך אין „הצפירה" שנת תר״ן № 18 גע־דרוקט געווען.

זיין ענוות, זיין זכרון.

זיין ענוות, דאָס פאַרצוקטן אַף זיין פערזענלעכן כבוד ווען עס האָט זיך געהאַנדלט אויסצומיידן מחלוקות און סכסוכים איז בא ר׳ יצחק אלחנן געווען אַ פעסטער פרינציפ, און מען האָט שטענדיק זיך איבערצייגט, אַז זיין שטרעבן צום שלום, אויסמיידנדיק מחלוקות, האָט געבראַכט פאָזיטיווע נוצן אין פיל הינ־זיכטן.

אַ כאַראַקטעריסטישער פאַל האָט געטראָפן אין קאָוונע: אַ גרויסער כלל טוער, אַ איש נכבד, מיט וועמעס דעה, מען האָט זיך שטענדיק גערעכנט, האָט פאַרלאַנגט אַ מאָל דורכצוזעצן זיין מיינונג אין אַ וויכטיקן כלל־ענין, די מער־הייט פון דער פאַרזאַמלונג האָט אָבער מיט דער מיינונג ניט געקענט מסכים זיין, און אויך דער גאון, וועלכער האָט געזאָלט דעצידירן האָט מסכים געווען מיט דער מערהייט!

זעענדיק, אַז זיין מיינונג איז דורכגעפאַלן, האָט זיך דער נכבד פון דאַ־מאָלסט אָן צוריקגעצויגן פון געזעלשאַפטלעכע אַרבעט (ווי עס טרעפן, ליידער, גאַנץ אָפט אַזעלכע פאַלן) און אויך אופגעהערט צו באַזוכן דעם רב׳ס שטוב אין וועלכער ער איז געווען זייט יאָרן אַ יוצא ונכנס, זיין באַציאונג צום רב איז געוואָרן זייער אַן אָנגעשטריינגטע...

נאָך פילע יאָרן האָט פאַסירט, אַז אַף אַ שמחה האָט דער גאון באַגעגנט דעם אויבנדערמאָנטן כלל־טוער, דער אַמאָליקער כלל־טוער האָט דעם גאון ניט באַג־ריסט, אָבער דער גאון האָט, ניט אַכטנדיק אַף זיין פערזענלעכן כבוד אים הערצליך באַגריסט, דערלאַנגענדיק אים די האַנט און מיט אַ פריינטשאַפטלעכן זיסן „גוט מאָרגן" זיך איינפאָרמירט וועגן זיין געזונט און וועגן זיין פרנסה.

דאָס ענוות פון גאון האָט געמאַכט אַפּן כלל־טוער אַ גוואַלדיקן איינ־דרוק ער איז שטאַרק נתפעל געוואָרן, און ער האָט זיך טאַקע זייער געפּרייט אף דעם פּלוצלונג צושטאַנד־געקומענעם שלום! דעם נכבד איז פון שמחה די אויגן פול געוואָרן מיט טרערן...

צופעליק איז אין אַ קורצער צייט נאָך דעם געמאַכטן שלום, געקומען צום גאון אַ דעלעגאַציע פון אַ שטעטל, בעטן דעם גאון זיך משתדל צו זיין באַ דער רעגירונג, וועלכע האָט דאַמאָלסט גוזר געווען, אַז אַלע אידן זאָלן דאָס שטעטל פאַרלאָזן!

דער גאון האָט געקלערט צו וועמען זיך צו ווענדן, וועגן דער גזירה נוראה ר"ל, ער האָט קיין איין מינוט ניט גערוט און ניט אויפגעהערט צו זוכן עצות און הילף וועגן דעם.

איינער פון די קאָוונער אידן, וואָס איז גראָד געווען אָנוועזנד בשעת די דעלעגאַציע האָט געבעטן באַם גאון וועגן דער גזירה, האָט אויפמערקזאַם גע־מאַכט, אַז דער דאַמאָלסטיקער כלל־טוער איז זייער אַנאָנטער פריינט פון דעם באַאַמטן, וועלכער האָט אונטערגעשריבן די גזירה:

זעלבסטפאַרשטענדליך, אַז דער גאון האָט גלייך געשריבן צו אים אַ האַר־ציקן בריוו, און געבעטן רחמים, ער זאָל זיך משתדל זיין וועגן דעם בכל מאמצי כחו.

ווען מען האָט דעם גאון'ס בריוו געבראַכט דעם געוועזענעם כלל־טוער, האָט ער געענטפערט: „זאָגט דעם ליבן רבי'ן, ער זאָל רואיק זיין, די גזירה וועט ב"ה ניט פאַרווירקליכט ווערן". און כך הוה, די אידן זיינען געהאָלפן געוואָרן!

אייניקע מענטשן וועלכע זיינען אָנוועזנד געווען אף יענער שמחה, ווען דער גאון האָט דער ערשטער באַגריסט דעם כלל־טוער, האָבן דאַמאָלסט אופ־מערקזאַם געמאַכט דעם גאון, אַז ער ערנידריקט זיין כבוד.

אָבער נאָכדעם ווען צוליב די השתדלות פון דעם נכבד איז די גזירת גירוש ניט אויסגעפירט געוואָרן, האָט דער גאון געזאָגט צו זיינע מקורבים: נו! האָט זיך דען ניט געלוינט צו דערנידריקן דאַמאָלסט מיין כבוד, כדי צו קאָ־נען ראַטעווען אַזוי פיל אידן, כן ירבו, וועלכע עס האָט געדרויט צו ווערן ח"ו נע ונד און צו הונגערן, ה' ירחם, פיקוח נפשות איז דוחה אַלץ.

*

* *

דער געניאַלער זכרון פון גאון איז, ווי אלע זיינע כשרונות, געווען אי־בערנאַטירלעך.

כדי צו האָבן דערפון אַ באַגריף, וויל איך מיט אייניקע עפּיזאָדן דאָס אילוסטרירן:

שוין זייענדיק זייער אַלט, האָט אים אַמאָל באַגעגנט דער זידיקער רב הגאון ר' משה לעווענבערג זצ"ל, וועלכער האָט באַגריסנדיק דעם גאון אים דער־מאָנט, אַז זינט 18 יאָר האָט ער די געלעגנהייט ניט געהאַט אים צו זען.

און דאָס ערשטע מאָל געדיינקט איר, וואו איך האָב אייך געזען? האָט דער גאון געפרעגט. אין „ניעסוויעזש" פאַר 40 יאָר צוריק, האָט דער גאון

פאַרגעזעצט, און מיר האָבן דאַמאָלסט געשמועסט וועגן אַ שאלה, דערביי האָט דער גאון דערציילט אויספירליך די גאַנצע אונטערהאַנדלונג פון דער שאלה.

דער „זידיקער רב״ האָט מיט באַגייסטערונג און אַנטציקונג געהערט און זיך געוואונדערט איבער די אַלע איינצלהייטן, וועלכע ווערן אַזוי לעבעדיק גע־שילדערט, כאָטש עס איז שוין געווען מ ע ר ווי 40 יאָר זייט דאָס צוזאַמענטרעפונג איז פאָרגעקומען...

אַ רב האָט אַמאָל אין אַ שמועס מיטן גאון געזאָגט: רבי, פאַר אַכט און צוואַנציק יאָר צוריק האָט איר מיר דערציילט אייערן אַ חידוש, געוויס ; האָט דער גאון ניט פאַרטראַכטנדיק זיך — געענטפערט, דער חידוש (איז פאַרעפנט־ליכט אין מיין ספר דאָרט און דאָרט...

אין די ערשטע יאָרן פון קאָוונער רבנות, האָט דער גאון ביז 12 באַטאָג קיינעם ניט עמפאַנגען, דער ערשטער האַלבער טאָג איז געווען געווידמעט דעם לימוד התורה, איבערהויפּט זיינען די שעה׳ן באַשטימט געווען פאַר דעם שעור, וועלכע ער האָט געלערנט מיטן זון הגאון ר׳ הירש זצ״ל בהתמדה רבה.

אַמאָל בעת ער איז געזעסן מיטן זון פאַרטיפט איבער אַ רמב״ם, האָט עמיצער אָנגעקלאַפּט אין דער טיר.

דער גאון האָט ניט געוואָלט איבעררייסן דעם שעור, באַמערקנדיק דערביי זיין ליבן באַרימטן זון, אַז דאָרטן קלאַפּט אָן הרב הגאון ר׳ טודרוס לעווינזאָן פון קעניגסבערג.

אַף דעם זון׳ס פראַגע, צו האָט ער געוואוסט וועגן זיין קומען? האָט דער גאון געענטפערט: ער איז אומפאַרהאָפט געקומען, אָבער ער איז דאָ געווען צוריק מיט 8 יאָר, און צו געדיינקט פון דאַמאָלסט דאָס אָ ר ג י נ ע ל ע אָנ־קלאַפּן אין טיר.

און ווירקליך נאָכן שעור האָט דער גאון עמפאַנגען בכבוד דעם חשוב׳ן גאַסט ר׳ טודרוס ז״ל, און מיט אים עוסק געווען אין עניני תורה עבודה וגמילות חסדים.

זיין זכרון.

ווען מיין זעליקער פאָטער ז״ל איז געווען מיטן גאון איינגעלאַדן אַף אַ תנאים אין „בייסאַגאָלע״, איז געקומען אַ גביר אַ נכבד פון „קיידאַן״ מיט אַ איינגעלע און פאַרלאַנגט פון גאון אַ ברכה, אַז דאָס אינגעלע זאָל זיין אַ למדן, אַ ירא שמים, דאַביי האָט דער גביר געגעבן אייניגע רובל דעם גאון, ער זאָל עס שיקן קיין א״י פאַר אַ אידן אַ למדן, וועמען דער גאון געפינט פאַר נויטיק.

דער קליינער אינגעלע איז אויפגעוואַקסן, דער בחור האָט חתונה געהאַט און זינט בייסעגאָלער תנאים, זיינען שוין אַריבער פיל יאָרן, ווען דער יונגער מאַן איז גראָד געווען אין קאָוונע און אַריינגעקומען צום גאון, האָט ער אים גלייך דערקאָנט ! אייער פאָטער האָט מיר אַמאָל געגעבן אייניקע רובל פאַר אַ אידן אַ למדן אין ארץ־ישראל, האָט דער גאון געזאָגט, און אים געפרעגט: וואָס מאַכט אייער פאָטער? גם ברוך יהי׳!

צווישן די פילע מענטשן וואָס פלעגן שטענדיק באַזוכן דעם גאון, זיינען אויך געווען הונדערטער אידן, וואָס זיינען געקומען בעטן אַ ברכה, אָדער, אַז דער גאון, דער צדיק, זאָל מתפלל זיין פאַר זיי אין אַ עת צרה ר״ל.

צענדליקער מענטשן זיינען טאָג טעגליך געקומען זיך „מזכיר״ זיין, דאָס הייסט: זאָגן דעם נאָמען, און דער מוטער׳ס נאָמען, כדי דער גאון זאָל זיי דערמאָנען אין זיינע תפילות.

מען האָט געקענט גלויבן, אַז דער גאון מערקט זיך גאָר ניט אָן די אַלע נעמען, טאָג טעגלעך, דען זיינע הייליקע אַרבעט און זיינע שטענדיקע טרדות פאַרן כלל און פרט, האָבן דאָך קיין ברעג ניט געהאַט, אַ מענטש וואָס האָט אַף זיך געטראָגן אַלע צרכי הכלל פון אַלע אידן אין דער וועלט.

גראַדע האָט מיין זעליקער פאָטער ז״ל דערציילט זיינעם אַ באַקאַנטן אין דער אָנוועזנהייט פון גאון, אַז דער איד, וועלכער איז געווען ר״ל העכסט געפערליך קראַנק, אַ אַנטזאַגטער פון אַלע דאָקטוירים, איז איצט ב״ה פאָלקאָם געזונט! און ווי ערשטוינט איז ער געוואָרן ווען דער גאון האָט גלייך רעאַגירט, וואָס! חיים בן שרה איז געזונט? אַ דאַנק דיר רבונו של עולם! שיק דיין הילף פאַר אַלע נויטבאַדערפטיקע! איך האָב דערפון גרויס שמחה!!

דער איד, דער חולה ר״ל, איז דאָס ערשטע מאָל געווען באַם גאון מיט אַ געוויסע צייט פריער, און דאָך האָט דער גאון געדיינקט ניט נאָר זיין אייגענעם נאָמען, נאָר אויך זיין מוטער׳ס נאָמען...

— — —

דער געערטער גביר י. פ. פון גראָדנע איז זייער אָפט דורכגעפאָרן קאָוונע און שטענדיק באַזוכט דעם גאון, זייענדיק אַמאָל אין „קאָוונע״ מיט זיין פריינט „לעווינזאָן״ האָט י. פ. אויך דעם ה׳ לעווינזאָן פאָרגעשלאָגן צום באַקענען זיך מיט דעם גאון פערזענליך.

אַריינקומענדיק האָט ה׳ י. פ. פאָרגעשטעלט דעם ה׳ לעווינזאָן פון גראָדנע.

אייער אידישער נאָמען איז דאָך מרדכי, האָט דער גאון באַלד באַמערקט דעם ה׳ לעווינזאָן, פאַר 50 יאָר צוריק האָט מען מיר איינגעלאַדן צו אייער ברית, וועלכער איז גראָד געווען אין „שושן־פורים״, און דאַדורך האָט מען אייך געגעבן דעם נאָמען מרדכי!

דער גביר איז איבעראַשט געוואָרן פון גאָניאַלן זכרון, וואָס איז למעלה מדרך הטבע.

— — —

איבעראַשנד איז אויך געווען דעם גאון׳ס דורכדרינגענדער בליק, זעענדיק אַ מענטשן דעם ערשטן מאָל, האָט ער גלייך געוואוסט וואָס פאַר אַ איינגנשאַפטן ער באַזיצט, און צו וועלכער קאַטעגאָריע און קלאַס ער געהערט...

זייער אָפט ווען דער גאון האָט דערזען אַן אורח אין פאָדער־הויז, האָט ער מיין זעליגען פאָטער ז״ל געזאָגט: ר׳ יעקב! אָט פון דעם נייען אורח וועל איך האָבן צרות, ער וועט פון מיר פערלאַנגען פאַרשיידענע שווערע בקשות, וועלכע זיינען ניט אומשטאַנד זיי צו דערפילן, כאָטש דעם אורח׳ס אויסזען האָט

אין דעם פרט גאַרנישט פאַרראַטן· זעלבסטפאַרשטענדליך· אַז דער גאון האָט ניט געהאַט קיין טעות· און דער אורח האָט טאַקע אים זייער פיל געמאַטערט· ממש קיין רו ניט געגעבן· און דאָך איז דער גאון אַף אים קיינמאָל ניט אין כעס געוואָרן· אַדרבה· נאָך געזוכט פאַר אים אַלע מיטלען· אים געטרייסט· און מחבב געווען כאָח לצרה·

עס פלעגט אַמאָל אויך אַריינקומען אַ מענש דאָס ערשטע מאָל· און ער האָט מיין זעליקן פאָטער ז״ל געזאָגט: ר׳ יעקב! דער איד האָט פאַר אונז אַ גוטע בשורה· און ווי ער האָט געזאָגט אַזוי איז געווען· דער כח התורה מיט זיין אהבת חסד· איז פאַר אים שטענדיק געווען אַן עלעקטרישער פאַנאַר·

דער דורכדרינגענדער בליק· די פייהיקייט צו דערקענען אַ מענטשן· האָט דער גאון אויך אויסגענוצט באַ אַ ״דין־תורה״·

אַ פרוי האָט אַמאָל אים געפרעגט אַ שאלת נשים· דער גאון האָט גאָרניט געטראַכט און באַלד געענטפערט ״כשר״! די פרוי איז עפּעס ניט צופרידן געווען מיט דער תשובה· און דער גאון האָט מיין זעליקן פאָטער ז״ל דער־קלערט· אַז די פרוי האָט געוואָלט מאַכן אַ בלבול· אַף אַ בת־ישראל··· אין אַ משך צייט אַרום· האָט זיך פאַקטיש אַרויסגעוויזן ווי גערעכט דער גאון איז געווען· די פרוי וועלכע האָט געוואָלט מאַכן אַן עלילת שוא אַף אַ אומשולדיקע בת־ישראל· האָט זיך נאָכדעם מודה געווען אַף איר בייזען ווילן· און זי האָט זיך פיל באַמיט מחילה וסליחה צו בעטן···

אַ באַקאַנטער פון גאון· האָט דעם גאון אויפמערקזאַם געמאַכט אַף מעשה תעתועים פון אַ גבאי צדקה· און אויפגעוויזן מיט אותות ומופתים· אַז דער גבאי מיסבדויכט מיט דעם אָנפאַרטרויטן פאַרמעגן·

דער גאון האָט אָבער דערויף ניט רעאַגירט· און ער האָט מיין זעליקן פאָטער ז״ל ערקלערט· אַז די אַלע חשדים· כאָטש זיי ווערן מאָטיווירט מיט באַווייזן· האָבן קיין יסוד ניט· ווייל דער באַשולדיקער האָט פאַר 15 יאָר צו־ריק פאַרלאָרן אַ דין תורה מיט דעם באַשולדיקטן· און דאַדורך זוכט ער מסתמא זיך נוקם צו זיין דורך פאַלשע באַשולדיקונגען·

וועלנדיק אָבער ערפאַרן דעם אמת האָט דער גאון זעלבסט דורכגעפירט אַ דרישה וחקירה· זייער גענוי קאָנטראָלירט די אַלע תשובות· און עס האָט זיך טאַקע באַשטעטיקט די השערה· אַז דער גבאי איז אַ איש תם וישר· און פירט די עניני צדקות זייער ראַיעל און גוט!

זיין געניאַליטעט און ליבע צו אָרדנונג.

די אויסערערדנטליך־פייהיקע און גאַניאַלע מגנשן זיינען געוויינליך· זייער צעשטרייט· דער טיפער קאָפּ· דער ברייטער פאַרנעם· האָט ניט קיין חוש פאַר קלייניקייטן· אַפילו פאַר פינקטליכקייט און אָרדנונג· ווייל די קאָפּ· דער מוח איז תמיד פאַרטיפט און קאָנצענטרירט אין הויכע געדאַנקען און שווערע אויפגאַבן·

דער גאון אָבער, איז אין דעם פרט אויך געווען אַן אויסנאַם; די גוזאַל־דיקע פאַרצווייגטע קאָרעספּאָנדענץ איז געפירט געוואָרן מיט דער געוויסטער פּינקטליכקייט און בעסטער אָרדנונג!

הונדערטער בריוו פלעגן מיט דער פּאָסט אָנקומען יעדן טאָג, ער אַליין האָט די בריוו געלייענט, שנעל באַמערקט דעם אינהאַלט, און מיט דעם בלייפּע־דער אַליין אָנגעצייכנט באַלד אַפן קאָנווערט דעם אינהאַלט און די תשובה.

ער פלעקט אליין סאָרטירן די בריוו, שו״ת, כלל-ענינים, פּריוואַט־זאַכן, די ניט וויכטיקע בריוו האָט ער נאָכדעם ווי ער האָט די תשובות אַף זיי ער־לײדיקט, אַרײנגעוואָרפן אין קאָרב, אָבער די בריוו, וועלכע קאָנען האָבן אַ תלמודישן, געזעלשאַפטליכן ווערט, ווי אויך טובה־בריוו פאַר יחידים, האָט ער באַהאַלטן לעת מצוא.

געניי און פּינקטליך איז אויך געווען זיין פאַרקער מיט אַלע קלאַסן מענטשן, מיט אַלעמען איז ער געווען ליבנסווירדיק, טאַקטיש, ער האָט יעדן פריער באַגריסט, ניט וואַרטנדיק, אַז יענער זאָל אים אָפּגעבן כבוד. נאָך דעם דאַווענען האָט ער פריער פאַר אַלעמען געזאָגט דעם חזן „יישר כח״, כדי צו ווירקן אַפן קהל, מען זאָל דעם „חזן״ מקרב זיין...

איבערהויפּט איז ער העכסט דאַנקבאַר געווען דעם „עסקן צבורי״, אויב נאָר ער האָט עוסק געווען בטובת הכלל באמונה, ער פלעגט אים שטענדיק מכבד זיין ברבים מיט די כונה ער זאָל אַרבעטן ביתר שאת!

עס איז אינטערעסאַנט אויך דער שטריך און פאַקט: ווען ער איז געגאַנגען דאַוונען, האָט ער מיר אַמאָל געטראָפן, ווען איך בין נאָך אַ יונגער קינד געווען, אים האָט שטאַרק אינטערעסירט צו וויסן, וואוהין גייט דאָס אַ קינד אַזוי פרי? און האָט מיט גרויס דאגה געפרעגט: צו גיי איך חלילה ניט צום דאָקטאָר?

און ווען איך האָב אים געוויזן די „פּראָשעניעס״ וואָס איך בין געשיקט געוואָרן פון מיין זעליקן פאָטער ז״ל זיי אָפּשיקן מיטן ערשטן צוג נאָך פּעטער־בורג, האָט ער זיך זייער דערפרייט, מיר צוגעוואונטשן הצלחה און דעם פאָטער ז״ל הערצליך געלאָזט גערירסן מיט פיל ברכות אין זיינע אַלע כלל-אַרבייט.

דעם בעל הבית בא וועמען דער גאון האָט געוואוינט, האָט ער שטענדיק איינגעלאַדן פאַר יעדער רייזע, כדי זיך מיט אים צו געזעגענען.

אַף יעדער שמחה של מצוה, אַף אַ סיום הספר, אָדער אַף אַ חגיגה פון אַ חברה, האָט ער דעם גבאי אַרויסגעוויזן דעם געהעריקן כבוד כדי ער זאָל ווייטער אַרבעטן לטובת דעם מוסד, און אויך שטאַרק מחבב געווען די אַלע אַנטײלנעמער, ווי אַ פאָטער מיט ליבע קינדער.

דוכפאָרנדיק אַ קליין שטעטל, האָט דער גאון קיינמאָל ניט דורכגעלאָזן די געלעגנהייט צו באַזוכן דעם מרא דאתרא, און ווען עס פלעגן קומען צו אים בעלי בתים פון פּראָווינץ און אַפילו פון ווייטערע געגנטן, איז זיין ערשטע שאלה שטענדיק געווען וואָס מאַכט אייער רבי? און גלייכצייטיק זיי אויפמערק־זאַם געמאַכט, אַז זייער רב איז אַ גרויסער תלמיד חכם, און מען דאַרף אים האַלטן בכבוד גדול.

ווען ער פלעגט נאך פיל מדיקע ארבעט פארן כלל און פארן פרט — שוין גיין וואס עסן, איז צווישן איין שפייז ביז דער צווייטער, פלעגט ער צוגיין צום „ספרים שאף״, אדער צום שרייב־טיש לערנען אדער שרייבן א שו״ת, און אז מען האט אים אופמערקזאם געמאכט: רבי! נאכן עסן וועט איר שרייבן שו״ת, איז געווען זיין ענטפער: נאכן עסן וועט זיין אן אנדער נויטיקע ארבעט...

אויך פלעגט ער צו מיין פאטער ז״ל זאגן: „וואס א מענטש דארף טאן „מארגן״ זאל ער דאס טאן נאך „אייערנעכטן״ זריזים מקדימים למצוה.

אין א פינסטערע קאלטע חשון-נאכט 1890 יאר, איז מיין פאטער ז״ל געפערלעך קראנק געווארן ל״ע, די גרעסטע דאקטוירים האבן שוין פאר אים קיין שום מיטל ניט געהאט, זיינע מינוטן זיינען געווען געציילטע, בין איך מיט מיין ברודער הרב הגאון המפורסם ר׳ אברהם שליט״א אוועקגעלאפן צום גאון, צום צדיק, אויסגיסן אונזערע צובראכענע הערצער, ער זאל מתפלל זיין!

דער גאון אויסהערנדיק אונזער יאמער־געשריי, האט מיט טרערן אין די אויגן, באלד אונז בארוהיקט: ליבע קינדער! האפט נאר צום רופא נאמן, השי״ת איז דער אדון המושיע, איך האב פאר אייער פאטער א בשורה טובה וועגן „החזקת התורה״ און ער וועט נאך לאנג לעבן!

ניט קוקנדיק אף דעם שרעקליכן וועטער אין גאס (ר״י״א האט געהאט א קורצן אטעם) איז ער באלד מיט אונז צוזאמען געקומען צום חולה.

אונזער הויז איז געווען פול מיט לומדים ונכבדים, וועלכע זיינען געקומען מבקר חולה זיין, אלעמענס הערצער זיינען געווען פארביטערט, און ווי דער „גאון״ האט נאר די טיר געעפנט, זיינען אלע נכבדים געפאנצערט געווארן מיטן א בטחון, שמש צדקה ומרפא בכנפיה האט גענומען שוועבן אין אלע ווינקעלעך... און ווי נאר דער גאון איז אריין אין פאטערס צימער, און מיט זיין גמרא־נגון א זאג געטאן „תשועת ה׳ כהרף עין״ און גענומען דער־ציילן דעם פאטער, אז ער האט היינט באקומען א „תלגרמה״ פון פעטערבורג דאס דער קיסר האט באשטעטיקט דעם ערלויבניס פאר מלמדים, האט זיך דער פאטער פון א קוואל שמחה פאנאנדערגעוויינט, און פון דער מיגוט אן גערעט מיטן גאון וועגן די ישועה און וועגן נאך וויכטיקע כלל-ענינים 2 שעה צייט, ווי אלע געזונטע, ווייל יארן לאנג האט ער פיל מיטגעארבעט אויך וועגן דעם „היתר המלמדים״ מיט מסירת נפש!

פארן אוועקגיין, האט דער גאון אריינגעבעטן אין פאטער׳ס צימער א מנין אידן! און האט דאבײ געזאגט; דער רבונו של עולם דארף אים, די תורה הק׳ דארף אים, דער כלל ישראל דארף אים און איך דארף אים, זאל ער זיין געזונט, און ענטפערט אידן „אמן״!

פון יענע נאכט אן איז דער פאטער ז״ל, אין אייניקע וואכן צייט, פאל־קאם געזונט געווארן, און פון דאמאלסט אן געארבעט לטובת הכלל נאך 32 יאר מיט די גרעסטע ענערגיע!

מיט איין ווארט: זיין פינקטליכקייט, זיין זריזות, זיין התמדה, מיט זיין ליבע צו מענטשן איז אויך געווען העכסט גאונות!

אייניקע כאַראַקטעריסטישע שטריכן איבער דעם גאון׳ס פּינקטליכקייט.

אין אַלע בריות פון זיין פאַרצווייגטער און פאַרשידנאַרטיקער קאָרעספּאָנדענץ, פלעגט דער גאון אַליין צושרייבן דאָס „דאַטום" דעם „נאָמען" פּינקטליך לויטן דין, ער האָט אין דעם הינזיכט שטאַרק מדקדק געווען, כדי עס זאָל ניט ארויסקומען אַ מכשול. „ווען איך וועל שרייבן ח״ו אַ נאָמען ניט עפ״י דין" האָט דער גאון מיין פאָטער ז״ל דערקלערט „וועט דאָס אפשר קאָנען לדורות דינען אַלס באַווייז, אַז דער נאָמען ווערט געשריבן ווי איך האָב דיקטירט דעם סעקרעטאַר, און אַ מענטש דאַרף זיין אַ רואה את הנולד"... צו אַ גרויסען איינפלוסרייכן מענטשן מיט וועלכן ער האָט אָפט קאָרעספּאָנדירט אין כלל ענינים, האָט ער שטענדיק געשריבן זיין עכט אידישן נאָמען און זיין אַסימילירטן מאָדערנעם נאָמען, ווייל „יענער" האָט ניט גערן געזען זיין אידישן נאָמען... אָבער דער גאון האָט בשום אופן ניט מסכים געווען צו שרייבן נאָר דעם אַסימילירטן נאָמען, כדי עס זאָל באַ גיטין וקידושין, ח״ו ניט קומען דאַדורך צו אַ מכשול, כאָטש ער האָט פון דעם מענטשן פיל מאָל פאַרלאַנגט אין כלל ענינים, און דער נכבד האָט געמוזט מקבל באהבה זיין...

אַן אַלטער מורה הוראה פון אַ גרויסער — שטאָט, האָט זיך געווענדעט צום גאון און געבעטען אַ הסכמה אַף זיין חבור, באַקענענדיק זיך מיטן אינהאַלט און וויכטיקייט פון ספר, האָט ער געבעטען אַז דער גאון זאָל אים געבן אַ הסכמה נכבדה און אויך שרייבן אַ גרויסן טיטול!...

דער ספר איז אַפילו באמת געווען אינהאַלטס־רייך, אָבער דער גאון האָט דעם טיטול מקצר געווען, און דעם מחבר׳ס בקשה, דעם מאָל, ניט ממלא געווען.

דער גאון האָט מיין פאָטער ז״ל ערקלערט גענוי די סבה און זיין טעם. אין יענער שטאָט, האָט דער גאון געזאָגט, איז דער רב אַ גרויסער תלמיד חכם מיט מדות טובות, אויך אַ גרויסער מתמיד, אָבער דער רב איז נאָך אַ יונגער מאַן, די בעלי בתים האָבן נאָך ניט געהאַט די געלעגנהייט צו דערקענען אים גוט מיט זיינע כמה מעלות טובות, אַלזאָ ווען איך וועל דעם מורה־הוראה טיטולירן אַלס גאון, וועט ער פּרעטענדירן אַף די רבנות שטעלע ביתר שאת, זאָלן זיך אויסהאָדעווען נייע גרויסע כחות באַ אידן, להגדיל תורה ולהאדירה, און ווען איך וועל דעם מורה הוראה געבן אַ הסכמה לויט זיין פאַרלאַנג... וועט דאָס גורם זיין, אַז דער הייניקער יונגער רב זאָל חלילה האָבן מחלוקת... און דאָס וויל איך בשום אופן ניט!...

צו אַ קהלה פון אַ גרויסער שטאָט, האָט דער גאון אַמאָל געמוזט שרייבן, וועגן זייער אַ וויכטיקע כלל־זאַך, גראָד איז דאַמאָלסט געווען חול־המועד, אָבער ווייל די זאַך איז געווען העכסט דרינגענד, לטובת הכלל, האָט ער געמוזט שרייבן אייגנהענטיק, כאָטש ער איז געווען קראַנק און געקענט שוואַך זען, די הענט האָבן זיך באַ אים געטרייסלט אָבער ער האָט שטענדיק זיך מקריב געווען פאַרן כלל און פרט.

צופעליק איז אַפן פאַרטיקן בריוו געפאַלן טראָפּנס טינט. דער גאון, ניט אַכטנדיק אַף זיין שוואַכער ראי׳, האָט נאָכאַמאָל דעם גאַנצן בריוו אָנגעשריבן, באַמערקנדיק דערביי: ווען מען פאַרלאַנגט עפּעס פון יענעם, מוז די בקשה זיין ריין, מען זאָל זי ניט קריטיקירן, איבערהויפּט ווען עס האַנדלט זיך אַ טובה פאַר יענעם, עס זאָל פאַר אים וואָס מערער נוצן ברייגען, מוז מען געוויס זען מהדר צו זיין מיט וואָס נאָר מען קען העלפן...

מיין פאָטער ז״ל האָט געהאַט די געלעגנהייט צו פאָרן מיטן גאון צוזאַמען וועגן אַ פּיקוח נפש ענין ראַטעווען הונדערטער אידישע פאַמיליעס. זיי זיינען געפאָרן מיט אַ פור, אַפן וועג איז געווען אַ באַרג. דער גאון האָט געבעטן דעם פורמאַן אָפּצושטעלן די פערד, און דער אַלטער שוואַכער גאון איז מיט מיין פאָטער ז״ל אַראָפּגעשטיגן פון פור, און איז געגאַנגען צופוס אַ שטיק וועג, זאָגנדיק: ר׳ יעקב! „צער בעלי־חיים דאורייתא״!

דער פורמאַן האָט פאַרזיכערט, אַז די פערד זיינען זייער שטאַרקע, און זיי שטריינגט גאָר ניט אָן, אָבער דער גאון האָט ניט מסכים געווען, און איז מיט מיין פאָטער געשטיגן אַפן באַרג ביז ענדע.

דער נכבד צו וועלכן דער גאון מיט מיין פאָטער זיינען געפאָרן, האָט באַמערקט דעם גאון שטייענדיק אַפן גרויסן באַרג, איז ער זייער איבעראַשט געוואָרן, זאָגנדיק דעם אַלטן גאון גייט צופוס, צוליב אַ כלל־זאַך! און דאָס השתדלות האָט טאַקע געהאַט גרויס דערפאָלג. דער נכבד איז באַלד אַוועק וואו מען דאַרף, ער האָט די גרעסטע מיה געלייגט, ממש קיין רו זיך ניט געגעבן, און נאָך אין זעלבן אָוונט געבעטן מיין פאָטער ער זאָל דעם גאון באַרוהיקן, ווייל ער האָט שטאַרקע הבטחות. און טאַקע אַף מאָרגן, זיינען מיט השי״ת הילף פיל הונדערטער פאַמיליעס געהאָלפן געוואָרן.

אַפן גאון׳ס אַדרעס פלעגן אָנקומען אויך זייער פיל בריוו פאַר סאָלדאַטן, פאַר אורחים, און פאַר פאַרשידענע אָרימע־לייט.

איינציקע מאָל איז געקומען צום גאון אַ אָרימער איד, אַ האַלב געליימטער ר״ל, פרעגן, אויב עס איז אָנגעקומען פאַר אים זיין פּאַס?

דער גאון פלעגט ניט קענען צוזען, ווי דער קראַנקער באַמיט זיך, ליידער, אַזוי פיל און שטייגט אַף די טרעפּ...

אין אַ געוויסן טאָג, איז פאַר דעם חולה אָנגעקומען זיין פּאַס. געוויינליך פלעגט מיט אַזעלכע זאכן באַשעפטיקן זיך אַ געוויסער „הויז־מענטש״. אָבער גראַדע דעם „פּאַס״ האָט דער גאון געבעטן באַם באַדינער ער זאָל אים אָפּגעבן, און באַלד געזאָגט צום „הויז־באַדינער״ אַז ער וואָלט וועלן אַביסל זיך דורכגיין אין גאַס, און ער זאָל מיט אים מיטגיין.

אין דעם שפּאַציר־גאַנג האָט דער באַדינער באַמערקט, ווי ער גייט גאָר אין אַ נייעם געגנד זייער אַ איינגע בלאָטיקע גאַס, וואו די לופט איז דאָרט קעגן זיין שווערן אָטעם... דער באַדינער האָט דעם גאון אויפמערקזאם געמאַכט צו גיין וואו אַלע מאָל, אָבער דער גאון האָט אים געענטפערט: „מערערע מאָל דאַרף אַ מענטש גיין פאַר יענעם, ווי פאַר זיך״, און מיט היילעניש געקומען אין די אָרימע אַכסניא, וואו פיל קראַנקע־צובראָכענע הערצער געפינען

זיך, און מיט זיין זיסן גמרא־ניגון געפרעגט אף דעם האלב־געליימטן אורח, גלייכצייטיק אים אין האנט זיין פאס אפגעבן, און צוגעוואונטשן א רפואה שלמה במהרה!

אין אכסניא און אין גאס איז געווארן א שטורמישער גערודער, דער אורח האט פון פיל פרייד און איבערראשונג פון די אויסערגעוויינליכע געשעעניש, זיך פארגאסן מיט א ים טרערן, און האט כמעט אופגעהערט פילן אז ער איז א מאל קראנק געווען!...

און אז מען האט געפרעגט דעם גאון פארוואס האט ער זיך געדארפט אליין אזוי פיל באמיען? האט ער געענטפערט: יענעמס א זאך דארף מען זייער גוט היטן, און ווען קען דאס מיר טרעפן אזא מצוה, ובכללי, מצוה בו יותר מבשלוחו.

דער גאון האט קיין כח ניט געהאט צו גיין, און געמוזט פארן א היים, אבער ער איז דעם טאג זייער צופרידן געווען, וואס ער האט געקענט א ארי־מען קראנקן אורח באדינען, און שאפן אים נחת רוח!

זיין זון הגאון הגדול ר׳צבי הירש זצ״ל.

צוליב דער גרויסער פערזענליכקייט פון וועלט־גאון ר׳יצחק אלחנן ז״צל, צוליב זיין גרויסער פאפולאריטעט צווישן אלע שיכטן פון דער אידישער באפעלקערונג, איז דער גרויסער זון כמעט פארגעסן געווארן. מ׳האט אים מייסטנס גערופן: ר׳ יצחק אלחנן׳ס זון, „און די געשיכטע" וועט פיליייכט אין שפעטערדיקע יארן זיך אפשטעלן אף דער גרויסער אויסנאמע פערזענליכקייט פון בארימטן גאון ר׳הירש זצ״ל גלייכגילטיק.

איך באטראכט עס אלזא פאר א הייליקן חוב אין דער ביאגראפיע פון ר׳ יצחק אלחנן ז״ל, אויך צו סקיצירן אין קורצע שטריכן די וויכטיקע פערזאן פון ר׳הירש זצ״ל, דער קאונער רבי, לכל הפחות, זיין קורצע ביאגראפיע, זיין גאונות, זיינע מדות טובות, זיין חכמה, און זיינע געזעלשפטליכע טעטיקייט.

געבוירן אין „נעשוויז" אין יאר תר״ח 1847, האט ער זיך אויסגעצייכנט מיט זעלטנע פייאיקייטן, זיין פאטער וועלכער האט דארט אין יענע יארן געלערנט מיט גוואלטיקער התמדה, האט דעם יונגן „עלוי" אפגעגעבן צו א שטאדטישן בארימטן מלמד, וועלכער האט זיך גערעכנט פאר א איד א גרויסער תלמיד חכם!

יעדן שבת אבער האט דער פאטער „פארהערט" דעם זון דעם אפגעלערנטן שעור, און מיט א מאדנע פרייד האט ער קאנסטאטירט אז זיין זון, וועלכער איז די לעצטע צייט אויסגעוואקסן גייסטיק, שטייגט איבער זיין רבי׳ן אין חריפות און אין בקיאות אויך טיפער לאגישער הבנה, דערצו האט ער זיך אויסגעצייכנט מיט זיין זעלטענעם כשרון צוצופאלן באלד צום געוויסן מקור נאמן ווי אין בבלי אזוי אין ירושלמי.

אויך דער רבי אליין, הערנדיק דעם תלמיד׳ס טיפע שאלות, און ניט האבנדיק אף זיי קיין געהעריקע תשובה, האט זיך אנטזאגט דעם „עלוי" צו

אונטעריכטן, און דער גאון אליין האט אנגעהויבן צו לערנען מיטן זון פיל שעה׳ן אין מעת־לעת מיט גרויס התמדה!

דאס אינגעלע איז ביסלעכווייז געווארן א חבר, מיט וועלכן דער פאטער האט זיך מישב געווען אין פארשיידענע פארוויקעלטע שו״ת. די ענטפערס פון דעם זון האבן איבעראשט דעם פאטער, און נאך גאונים וועלכע פלעגן באזוכן דעם גאון׳ס הויז, פלעגן נתפעל ווערן פון זיין זון׳ס גוואלדיגן כח התורה.

גראד דאמאלסט האט דער פאטער איבערגעלעבט שווערע ביטערע צייטן, ער האט דאמאלסט געקעמפט מיט דער מאטעריעלער קריטישער לאגע. דער קליינער זון, וועלכער האט פארשפראכן צו זיין א ליכטיקער שטערן אין דער תלמוד׳ישער וועלט, האט דאמאלסט פארזיסט און דערקוויקט דעם גאון דאס לעבן אין ״געשוויז״. די כשרונות האבן זיך אנטוויקלט אין א זייער שנעלן טעמפא, און ער איז באמת געווארען א עטרת צבי תפארת ישראל!

דער יונגער עלוי איז שטארק מפורסם געווארן אלס א ק א פ י ע פון גרויסן וועלט-בארימטן פאטער אין דעם סיסטעם פון לערנען, די קלארקייט, גלייכקייט און טיפקייט פון פאטער — האט דער יונגער זון זיך באלד אויסגעלערנט. ווייל ער איז געבארן אן עלוי מצוין מיטן פאטער׳ס כשרונות, און אויך די מדות פון פאטער, זיין גוטסקייט זיין סבלנות מיט וועלכער דער וועלט גאון האט זיך שטענדיק אויסגעצייכנט, האבן זיך ווי א לעבעדיקער קוואל ארייננעגאסן אין זיין נשמה.

צו אכצען יאר איז ער שוין געווען א גרויסער תלמוד׳ישער אוטאריטעט א גאון מצוין, מיט א שטארקן אנטוויקלטן געזעלשאפטליכן חוש.

מ׳האט אים דאמאלסט פארגעשלאגן די רייכסטע שידוכים, אבער דער קאוונער רב האט געזוכט א שיין אידיש הויז, א הויז פון צדקה און מדות טובות, און ער האט זיך משדך געווען מיט דעם אין יענע צייט בארימטן ר׳ מאיר סאלץ ז״ל פון סאלעצניק, דער פאטער פון דעם באוואוסטן ווילנער גביר ועסקן צבורי ר׳ מאניע סאלץ.

פינף יאר האט ער געוואוינט אין סאלעצניק און עוסק געווען די גאנצע צייט בתורה ועבודה. מ׳האט אים דאמאלסט פארגעשלאגן אנצונעמען פארשיי־דענע רבנות־פאסטנס, אבער דער יונגער גאון האט ניט געוואלט נהנה זיין פון כבוד התורה.

אין יאר תרל״ג האט הגאון ר׳ הירש באשלאסן זיך צו באזעצן אין קאוו־נע, וואו ער האט צוזאמען מיט א שותף איינגעארדנט א פאבריק.

אבער אנשטאט צו זיין באשעפטיקט אין דער פאבריק, איז ער גלייך ארייננעצויגן געווארן אין געזעלשאפטליכער טעטיקייט ווייל טובת הכלל איז געווען זיין אטמאספערע! זיין פאטער האט זיך מיט אים בעראטן, וועגן פאר־שידענע תלמוד׳ישע פראגן און וועגן כלל ענינים.

די אלע רבנים גדולים, וואס האבן באזוכט דעם קאוונער רב, האבן אויך געפונען פאר זייער חוב צו באזוכן דעם זון, מפלפל צו זיין מיט אים אין חידושי תורה. דאס געשעפט איז דאדורך געווארן פארנאכלעסיגט. אין יאר תר״ם איז געצוואונגען געווארן די פאבריק זיך צו ליקווידירן, און ער האט ענדליך זיך אפ־

געזאָגט פון געדאַנק צו פאַרנעמען זיך מיט מסחר, וואָס האָט ניט געקענט האַר־מאָנירן מיט זיין התמדה אין לערנען, און מיט זיין ברייטן פאַרנעם אין אידי־שע פראַגן פון דער גאַנצער וועלט.

איידער ער האָט ליקווידירט די פאַבריק, איז ער אַריינגעצויגן געוואָרן דורכן פאָטער אין דעם באַרימטן מוסד „קאָוונער כולל פרושים".

וועגן כולל, זיין געשיכטע זיין אַנטוויקלונג און זיין וויכטיקייט וועט דער לעזער געפינען אַ אויספירליכע שילדערונג און גענויע ערציילונג אי"ה אין דריטן טייל „זכרון יעקב". דאָ וויל איך נאָר דערמאָנען פאָלגענדן פאַקט: ווען מען האָט פאָרגעשלאָגן צו גרינדן דעם כולל, און ווען די בעסטע און שענסטע כחות פון אונזערע דאַמאָלסטיקע עוסקים בצרכי צבור האָבן דורכאויס פאַרלאַנגט, אַז אין דער שפיץ זאָל זיך שטעלן ר' יצחק אלחנן זצ"ל, ווייל זיין אַווטאָריטעט וועט מעגליך מאַכן דאָס בויען פון דעם קאָלאָסאַלן ווערק וואָס איז געווען פאַרבונדן מיט גוואַלטיק גרויסע שוועריקייטן, האָט דער גאון מסכים געווען נאָר בתנאי, אַז זיין זון ר' הירש זצ"ל וועט אָנטייל נעמען אין דער שווערער אַרבעט. דאַמאָלסט — האָט ער געזאָגט — וועט ער זיין זיכער, אַז דער מוסד וועט זיך געהעריק אַנטוויקלען און קענען עקסיסטירן לכבוד ולתפארת.

און כאָטש דער יונגער גאון איז נאָך דאַמאָלסט געווען באַשעפטיקט אין דער פאַבריק, ועל כולם וואָס טאָג־טעגליך האָט ער מיט זיין פאָטער פיל שעה'ן געלערנט צוזאַמען בהתמדה רבה, דאָך האָט ער צוליב דער וויכטיקייט פון דעם וועלט־מוסד, איבערגענומען די הנהלה, און אַ דאַנק זיין טיפן פאַרשטאַנד און זיין טעטיקייט, איז דאָס גוואַלדיקע ווערק געבויט געוואָרן באופן מאד נעלה!

נאָך צוויי יאָר איז דער מוסד געשטעלט געוואָרן אַף אַ פעסטן יסוד, מער אַלס „הונדערט" אברכים גדולי תורה ויראה זיינען געזעסן על התורה והעבודה, פון וועלכע עס זיינען באמת אויסגעוואַקסן גאוני ישראל פארי הדור, צדיקים וחסידים, וועלכע זיינען היינט באַרימט אַלס די העכסטע אָנפירנדע פערזענליכ־קייטן אין עולם היהדות בכל תפוצות ישראל!

און דאַמאָלסט, ווען ר' הירש האָט געזען, אַז די צוקונפט פון מוסד איז געזיכערט, דער כרם ה' בליהט, דאַמאָלסט האָט ער זיך אַנטשלאָסן מסכים צו זיין אָנצונעמען דעם כסא הרבנות אין „מיטוי" בשנת תרמ"ב, מיטוי האָט זיך גע־פילט גליקליך ווען זי האָט דעם וועלט־צירונג באַקומען.

די שטאָט מיטוי איז אַפילו געווען דאַמאָלסט, אין אַ געוויסן הינזיכט, בעאיינפלוסט פון פרייען גייסט, די פרייע האָבן דאָרט שטענדיק געהאַט אַ גרוי־סע השפעה, איבערהויפט איז פאַר דעם אָנקומען פון הגאון ר' הירש ז"ל איי־ניקע יאָר קיין רב ניט געווען, און דער אידישער דופק האָט דאָרט שוואַך גע־קלאַפט, די „מקוה" איז ניט געווען געהעריק איינגעאָרדנט, די שול איז געווען געבויט מיט אַ „קופאָל" ענליך צו כאָר־שול.

קומענדיק פון קאָוונע פון עכט אידישן צענטר, וואו עס האָט זיך קאָנצענטרירט תורה און יראה, צדקה ומעשים טובים, וואו אַ לעבעדיקער עכט־אידישער גייסט האָט דאַמאָלסט געשוועבט אַפן גאַנצן אידישן צבור, האָט דער נייער רב זיך ניט געוואָלט צופאַסן צו די נייע אָרדנונגען און פאַרהעלטניסן...

פיל מאָל האָט ער זאָגאַר געמוזט דרויען זיין קהלה, אויב זיי וועלן ניט מסכים זיין צו זיינע תקנות, וועט ער געצוואונגען זיין צו פאַרלאָזן די שטאָט.

אַ דאַנק אָבער זיין חכמה און גאונות, האָט ער דאָרט געהאַט אַ גוואַל־דיקע השפעה, און אָן קאַמף, בשובה ונחת האָט די שטאָט דעם קופּאָל פון דער שול צושטערט אויך די מקוה וועלכע האָט געפאָדערט גרויסע געלט־קרבנות איז לויט זיין וואונטש אין בעסטן סדר איינגעאָרדנט געוואָרן. עס איז פאַר־שטאַרקט געוואָרן שמירת שבת, די בתי מדרשים האָבן אָפּגעלעבט. אַ עכט אי־דיש לעבן האָט זיך אַף אַלע געביטן אָנגעהויבן, דעם רב׳ס שיטה, דעם רב׳ס גייסט האָט אַרופגעלייגט דעם שטעמפּל אַף אַלע שטאָטישע איינריכטונגען, די פריירע האָבן זייער השפעה פאַרלאָרן. דער נר מצוה ותורה אור האָט געשוועבט זאָגאַר אויך אין געגנט אַרום, און מיטאַווע איז דאַן אין אַ קורצע צייט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ אָרטאָדאָקסישע שטאָט.

די זיבן יאָר וועלכע דער גאון ר׳ הירש איז געווען מיטאַווער רבי, זיינען געווען אַ גאָלדענע־קייט פון פיל פרוכטבאַרע טעטיקייט, ניט נאָר אין אָנגעלעגנהייטן פון דער שטאָט, נאָר ער האָט אין משך פון דער צייט זייער פיל חידושי תורה געשריבן, וואָס אַ טייל פון זיי האָט ער פאַרעפנטליכט אין ערשטן חלק „עין יצחק״ פון זיין וועלט באַרימטן פאָטער זצ״ל.

דאָס רוב רבנים און אַזוי תלמידי חכמים, וועלכע האָבן קאָרעספּאָנדירט מיט זיין פאָטער, האָבן אויך אין דער זעלבער צייט זיך געווענדעט אויך צו אים וועגן שאלות עגונות א. ד. ג. זיינע תשובות צייכנען זיך אויך אויס מיט זעלטענע חריפות קלאָרקייט, און טיפקייט!

ער האָט זיך אויסגעצייכנט אויך מיט זיין רעדנער טאַלאַנט, און דאַדורך איז ער אין יאָר תרמ״ט איינגעלאַדן געוואָרן קיין ירושלים—דליטא, אַלס ווילנער שטאָט־מגיד, וואָס איז לויטן מנהג דאָרט צו גלייכער צייט אויך רב אין שטאָט.

אין ווילנע האָט ער געפונען אַ ברייט־פעלד פאַר זיין טעטיגקייט; אַ דאַנק זיין חכמה זיין טאַקט צו פאַראייניקן די פאַרשיידענע פאַרטייען, האָט ער נאָך פיל מי, מיט די הילף פון הרב הגביר הנכבד ר׳ ברוך טילעט ז״ל באַפעס־טיקט מאכל־כשר פאַר אידישע סאָלדאַטן, ענליך ווי זיין פאָטער זצ״ל אין קאָוונע, און ער האָט וועגן דעם פיל געאַרבעט און פיל ערפאָלג געהאַט.

ר׳ הירש האָט דאָרט אין ווילנע, לויט דער איניציאַטיוו פון הערן אַלט־שולער ז״ל געגרינדעט דעם „משמרת חולים״ און נאָך פיל אַנדערע פילאַנט־ראָפּישע געזעלשאַפטליכע אינסטיטוציעס, וועלכע האָבן יערליך טויזנטער אידן פיל הילף געבראַכט.

כ״א אדר תרנ״ו ווען עס איז פאַרלאָשן געוואָרן דאָס גרויסע וועלט־ליכט, ווען עס איז נפטר געוואָרן זיין פאָטער דער רבי פון כלל ישראל מרן יצחק אלחנן זצ״ל, איז לויט דעם וואונש פון פאָטער, און לויט דעם וואונש פון דער „קאָוונער קהלה״, איז ער איינשטימיק געוויילט געוואָרן אַלס ממלא מקום אביו זצ״ל לכבוד ולתפארת!

אין קאָוונע האָט ער פאָרגעזעצט דאָס גרויס באַרימטן ווערק פון זיין פאָטער זצ״ל—ער איז ווידער טעטיק געווען אין הנהגת „הכולל״ לויט זיין אי־

ניציאַטיוו זיינען אויך אין—ווילנע, אין ביאַליסטאָק און אייִשישאָק געגרינדעט געוואָרן „מעמדים", וואו יונגע לייט, גדולי תורה האָבן זיך פאַרפאָלקאָמט אין תורה אין הלכה ויר"ש באופן מאד נעלה!

דער „כולל" איז געווען יאָרן לאַנג דער הויפּט צענטער פון תורה וועלכער האָט געשפייזט דער גאַנצער וועלט מיט רבנים גאונים, און אַ מקור חיים פאַרן כלל ישראל.

די תלמידי חכמים, וועלכע האָבן ניט משמש געווען בכתר הרבנות, האָבן אָבער אופגעשטעלט הייזער פון תורה עבודה וגמילות חסדים.

— — —

עס איז שוין צייט צו מאַכן אַ חשבון צדק: אין די לעצטע צענדליקע יאָרן זענען מיר, ליידער, אַן עפּאָכע וואָס האָט דאָס אידישע פאָלק אינערליך און אויסער-ליך רואינירט און צובראָכן; דער אידישער גייסט איז פּאַראַליזירט, די בתי מדרשים זיינען אין פיל שטעט פּוסט, דעה עלבון התורה איז גרויס, קינדער אַנטערקענען ניט די עלטערן, שווארצע וואָלקנס פון עם הארצות און הפקרות דעקן צו די לויטערע אידישע הימלען...

דער איינציקער פּולס וואָס קלאַפּט אין אידישן פאָלק איז, אַדאַנק השי"ת, די געציילטע ישיבות ומוסדות התורה, זיי זיינען די גוואַרדיע און גייסטיקע יורשים פון דעם גרויסן ר' יוחנן בן זכאי, די נאַציאָנאַלע מיליציע, היטער פון דעם גרויסן היסטאָרישן מוזעאום אין וועלכן עס זיינען באַהאַלטן די אַלטע און אימער נייע אַנטיקן-קולטור, ווערטן פון טויזנטער דורות, די הויכע געטליכע געדאַנקען און טעמיעס פון תנאים אמוראים גאונים ראשונים ואחרונים, וואָס זיינען אייביק פריש און לעבעדיק, אָט דאָס איז אונזער אייביקע נאַציאָנאַלע עשירות, דאָס פאָלק-אוצר, דאָס איז אונזער שוץ-וואַנט, אונזער שטיצפּונקט, דער זיידענער פאָדעם וואָס בינט אונז צוזאַמען דעם עבר מיט דעם עתיד.

— — —

אויך דעם „מאכל כשר", וואָס איז געגרינדעט געוואָרן דורך זיין פאָטער זצ"ל, האָט ער שטאַרק אונטערשטיצט. ער האָט מיט די גרעסטע מי געזאָרגט פאַר זיין עקזיסטענץ עד יומו האחרון.

מען דאַרף געמען אין אַכט, אַז דאַמאָלסט איז אין קאָוונער קרעפּאָסט געווען פיל אידישע סאָלדאַטן, ער איז פאַר זיי געווען, ווי אַ געטרייער פאָטער, און כמעט אַלעמען באַזאָרגט מיט מאכלות כשרות אַפן בעסטן אופן.

עס איז אויך לויט זיין איניציאַטיוו דעמאָלט געשאַפן געוואָרן דער „תפארת בחורים", וואו פיל בחורים, אַרבעטער, אַנגעשטעלטע האָבן זיך אומגע-קערט פון די פרעמדע לאַגערן צוריק צו תורת חיים, צום אידישן פאָלק און צום רעליגיאָן, טאָג-טעגליך פלעגן זיי ווערן אַלס מער צוגעבונדן צו אַלע אי-דישע היילקייטן, און טעגליך געלערנט עין יעקב, משניות, חיי אדם.

אונערמידליך, מיט מסירת-נפש האָט ער ווייטער געשפּונען דעם גאָלדענעם פאָדים, וועלכן זיין פאָטער ז"ל האָט אָנגעהויבן אין קאָוונע, אויך זיין הויז איז געוואָרן אַ צענטער פאַר אַלע עלנדע ר"ל, און ער האָט יעדן געטרייסט, געהאָלפן

מיט אלע זיינע מעגליכקייט. די מדת ר ח מ נ ו ת איז בא אים געווען א צוויי־טע נאטור, אפילו ווען ער איז אין אויסלאנד געווען כדי זיך צו קורירן, האט ער אויך דארט ניט אופגעהערט צו זארגן לטובת אונזערע ליידנדע ברידער אין רוסלאנד, ווייל זיין איינפלוס אף גדולים וטובים מכל המפלגות איז געווען זייער שטארק. אויך איז ער דארטן געווארן א מלאך מושיע פאר פיל ארימע קראנקע מקרוב ומרחוק.

אמאל באם געזעגענען זיך מיט מיר, האט ער מיר געזאגט: די רייזע איז מיר אפילו זייער שווער, אויב דער קור און די באדע וועט מיר העלפן בין איך שטארק מסופק, ווארום איך בין שוין כראניש קראנק ל"ע, דערצו ביטול תורה איז דאך קשה מכולם, אבער איך האף צו זיין אין אויסלאנד א שליח־ציבור פארן כלל און פארן פרט. פקוח נפש פון טויזנטער אידן, כן ירבו, איז עולה על כולם.

א געוויסער בארימטער קאוונער דאקטאר האט מיר געזאגט: איך גיב אפילו אונזער ליבן רב די בעסטע מעדיצין און די בעסטע מיטלען, אבער זאל די געזעלשאפט דעם גרעסטן חולה אזוי פיל ניט באלעסטיקן און ו י י נ י ק ע ר פ א ר ד ר ו ס פארשאפן, וועט פאר אים זיין די בעסטע רפואה!...

די כלל ארבייט פון הגאון ר' הירש זצ"ל.

חוץ זיין גוואלטיקע ה ת מ ד ה אין תורה און ענטפערן שאלות ותשובות אין דער גאנצער וועלט טאג־טעגליך, אויך זיין ארבעט פאר שטאדטישע הצטרכות'ן ווי אויך פאר איינצלנע יחידים, האט ער נאך אלס יונגער מאן אנטייל גענומען אין אלע וויכטיקע כלל ארבעט, אין וועלכע ער האט ארויסגעוויזן א גוואלטיקן חוש און א זעלטענע באגאבטקייט. זיין פאטער ז"ל פלעגט אין אלע כלל ענינים פארלאנגען, אז ר' ה י ר ש זאל דורכאויס מיטהעלפן!

זייענדיק רב אין „מיטאווע" איז אים געלונגען מציל צו זיין טויזנטער אידישע נפשות פון גזירות גירוש. עס האט זיך אין יאר 1888 געהאנדלט, אז עס זאל בטל ווערן דער באקאנטער צירקוליאר פון „אכציקער יארן", און טויזנטער נפשות האט געדרויט ארויסגעשיקט צו ווערן פון קורלאנד און ליפלאנד, און נאר א דאנק דער ענערגישער אקציע, וועלכע דער גאון ר' הירש האט אנגעהויבן מיטן אנטייל פון די דאמאלסטיקע בארימטע שתדלנים, עסקני הצבור וועלכע זיינען דאמאלסט געגאנגען האנט בא האנט מיט די רבנים, איז די גזירה ב"ה בטל געווארן.

אויך אין דער „מלמדות גזירה" וועלכע ווערט אויספירליך געשילדערט אין לעבנס־געשיכטע פון זיין פאטער ז"ל, אין צווייטן טייל „זכרון יעקב", איז הגאון ר' הירש געווען איינער פון די גרעסטע טעטיקסטע עסקנים, און ער איז צוליב דעם צוועק פיל מאל פערזענליך געווען אין פעטערבורג, כדי זיך צו פארשטענדיקן מיט די אלע נכבדים, וואס האבן וועגן דער גזירה אינטערוועניִרט.

וועגן דער גזירה, וואס האט געדרויט אלע אידן, וועלכע וואוינען אפן שטח פון „פופציק ווערסט" בא דער גרעניץ ארויסגעשיקט צו ווערן, איז ער

פיל מאָל געפאָרן אין פיל מקומות, געאַרבעט מיט די גרעסטע ענערגיע, און זאָגאַר אום יו״כ האט ער געמוזט אייניקע תפילות פאַרפעלן, ווייל עס איז גראָד אויסגעקומען אויך יו״כ פיל משתדל צו זיין מען זאָל די גזירה רעה מבטל מאַכן, וועלכע האָט אויך געהאַט ב״ה גרויס ערפאָלג.

אויך וועגן די גזירה אַרויסצוטרייבן ח״ו אידן פון די „ישובים", האָט ער ניט גערוט און קיין מי איז אים ניט שווער געווען, און האָט ב״ה ערפאָלג געהאַט.

אין יאָר תרנ״ג, באַ דער גרויסער אַקציע וועגן היתר השחיטה, וואָס איז געאַרבעט געוואָרן דורכן באַרימטן דאָקטאָר דעמבאָ ז״ל, האָט הגאון ר' הירש טאָג און נאַכט ניט גערוט, און מיליאָנען אידן פון רוסלאַנד, און פוילן כן ירבו, האָבן אים פיל צו דאַנקען עד היום הזה.

אין יאָר תרנ״ד איז ער געוויילט געוואָרן דורכן מיניסטער „דורנאָוואָ" אַלס פאָרזיצנדער אין „רבנים־קאָמיסיע", וואָס איז פאָרגעקומען אין פעטערבורג, כאָטש ער איז דאַמאָלסט געווען דער אינגסטער פון די קאָמיסיע מיטגלידער, לויט זיין השתדלות איז אויך בטל געוואָרן די גזירה מען זאָל ניט דרוקן חושן משפט און אה״ע.

אין יאָר תרס״ז האָט ער אינטערוועניִרט וועגן „זונטיק־רו", די השתדלות האָט אויך פיל ערפאָלג געהאַט.

צווישן זיינע פיל אינטערווענצן און כלל אָנגעלעגנהייטן און זיינע תקנות בנוגע אידישע ענינים, איז כדאי צו באַמערקן זיין איניציאַטיוו איינצופירן מאכל־כשר אַף די שיפן קיין אַמעריקע, וואָס האָט מציל געווען טויזנטער אידישע פאַמיליעס פון אכילת נבילות וטריפות.

אָט אַזוי איז געווען דאָס לעבן פון גרויסן גאון, עסקן צבורי, דורכגעוועבט מיט תורה עבודה און גמילות חסדים. און ענליך ווי זיין גרויסער וועלט באַרימטער פאָטער האָט ער אויך געזאָרגט שטענדיק פאַר צַנדערע נאָר ניט פאַר זיך פערזענליך... זיין מדה פון „שונא בצע" איז געווען פשוט איבערטריבן, שלא כדרך הטבע!

צוליב זיין אומאויפהערליכע שטענדיקע אָנשטרענגטע אַרבעט און מאַנכע מאָל, ליידער, מיט פאַרשידענע פאַרדרוס, איז זיין קערפער אין די לעצטע יאָרן געוואָרן זייער אָפגעשוואַכט, ער האָט אייניקע מאָל באַקומען בלוט שטורצן און יום ד׳ ב׳ שבט שנת עת״ר האָט ער אויסגעהויכט זיין הייליקע נשמה. תנצב״ה.

* *
*

אין יאָר תרט״ז 1856 נאָך דער רוסיש־טערקישער מלחמה, האָט זיך געדוכט אַז נייע פרייהייטס־האָריזאָנטן אַנטפּלעקן זיך, די פאַרשידענע גזירות אַף אידן זיינען אָפגעשאַפט געוואָרן, דאָס כשוף וואָרט „טאָלעראַנץ" האָט דאַמאָלסט פאַרבלענדעט פילע מענטשן, עס האָט זיך געדוכט, אַז עס הויבט זיך אָן אַ נייע תקופה פאַר אידן אַף דער גאַנצער וועלט, אַפילו אין טערקיי און אין רומעניען האָט אויך געהערשט פרייהייט, און די אידן האָבן פלוצלונג דערפילט, אַז די

באַגרענצונגען ווערן צושטערט, די קייטן פון עבודות ווערן צוריסן; אויך אין רוסלאַנד האָט אָנגעהויבן צו לייכטן די פרייהייטס זון. די צוואַנציק מיליאָנען שקלאַפן וואָס „אַלעקסאַנדער דער צווייטער״ האָט באַפרייט, זיינען געווען דער סימבאָל פון דעם נייעם רעגירונגס־קורס, וואָס הויבט זיך אָן אין רוסלאַנד, און פון וועלכן אויך אידן, אַלס אַ טייל בירגער פון דער מדינה, וועלן אויך געניסן. און עס האָבן זיך טאַקע געעפנט די טויערן פאַר אידן אין די גימנאַזיעס און אַקאַדעמיעס; דאָס פאַרוויקלטע וואוינונגס־רעכט פּראָבלעם, איז אויך עטוואָס לייכטער געוואָרן. אידן בעלי־מלאכות האָבן באַקומען אין יאָר 1865 רעכט צו וואוינען אין רוסלאַנד. די אידן האָבן געהאָפט אַז די אַלע התחלות וועלן ענדליך פירן צום פרייהייטס־וועג. עס זאָלן בטל ווערן אַלע באַגרענצונגען בנוגע אידישע רעכט אין רוסלאַנד, און עס וועלן קומען בעסערע צייטן.

אומדערוואַרטעט האָט די אידישע פראַגע, לײדער אָנגענומען אַן אַנדערע נישט גינסטיקע ווענדונג.

פון ציוויליזירטן אויסלאַנד האָט זיך דער שטורם אָנגעהויבן, וועלכער איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין 1881 יאָר אין רוסלאַנד אין אַ פּאָגראָם.

דער אַנטיסעמיטיזם האָט אַריינגעדרונגען אין פיל שיכטן פון דער באַפעלקערונג פון די אויסלענדישע מלוכות און עס איז אויך געוואָרן אַן אַרטיקל אַף עקספּאָרט פון עסטרייך, אונגאַרן קיין רוסלאַנד. און אויב אין די ציוויליזירטע לענדער האָט זיך דער אַנטיסעמיטיזם אויסגעדריקט אין אַ „מאָדערנער״ מ׳שטיינס געזאָגט, פאָרם, אין אידן־האָס, באָיקאָטען, האָט עס אין רוסלאַנד אָנגענומען די שרעקליכע פאָרם פון ידי עשו, און עס איז געקומען, לײדער צום שרעקליכן פּאָגראָם פון יאָר 1881 ר״ל.

די אידישע אינטעליגענץ האָט זיך דאַמאָלסט משתדל געווען צו באַקומען אַן אוידיענץ באַם קייזער, וואָס עס איז זיי נאָך שווערער מי געלונגען. די דעפּוטאַציע איז כלומר׳שט פריינדליך אויפגענומען געוואָרן, און דער קייזער האָט באַוויליגט צו פאַרלאַנגען אַ שריפטליכן מעמאָריאַל, די רעזולטאַטן פון דער אוידיענץ מיט דעם מעמאָריאַל, האָבן אַף זיך נישט לאַנג געלאָזט וואַרטן. עס איז, ווי באַוואוסט, אויסגעבראָכן דער שרעקליכער פּאָגראָם, און די אַלע שתדלנים זיינען געבליבן אין אַ שרעקליכן יאוש פאַרזונקען. נאָך פיל באַראַטונגען, האָבן אונזערע שתדלנים באַשלאָסן צו אָרגאַניזירן אַ גרעסערע אספה אין פּעטערבורג, און צו באַטראַכטן מיט וועלכע מיטלען איז מעגליך לקדם פני הרעה.

אַף דער אספה, אין וועלכער עס האָבן גענומען אַנטייל מענטשן פון פאַרשידענע לאַגערן מיט קעגנזייטיגע השקפות, האָט געמוזט זיין אָנוועזנד אַ פּערזענליכקייט, וואָס זאָל קענען קאָנצענטרירן די גאַנצע אַרבעט, און צו וועלכער אַלע אַנטייל־נעמער אין דער אספה זאָלן האָבן צוטרוי.

די איינציקע פּערזענליכקייט, וואָס זאָל לייטן מיט דער גאַנצער אַרבעט און מיט זיין אַווטאָריטעט, זאָל ער האָבן השפעה אַף אַלע אַנטיילנעמער, איז פה אחד געוויילט געוואָרן דער קאָוונער וועלט גאון ר׳ יצחק אלחנן זצ״ל.

און וויל אין די קאָמיסיעס זיינען לויטן צירקולאַר קאָאָפּטירט אידן, האָט די פּעטערבורגער אַסיפה באַשלאָסן, ניט מער צו בלייבן אין פּעטערבורג

נאָר זיך משתדל זיין אין יעדער גובערניע, אַז די געהעריקע פּאַסיקע אידן, וואָס קענען האָבן אַ השפעה זאָלן געוויילט ווערן אין די קאָמיסיעס. געוויינליך האָט מען די לייטונג איבער דער גאַנצער אַרבעט איבערגעגעבן דעם גאון, און די אַלע אַנטיילנעמער פון דער פּעטערבורגער אַסיפה האָבן זיך געשטעלט צו פאַרפיגונג.

די פּעטערבורגער אַסיפה אין 1881 יאָר, כאָטש זי האָט קיין רעאַלע נוצן ניט געבראַכט, האָט זי אָבער אין דעם הינזיכט פון השתדלות געמאַכט אַ וויכטיקן שריט. ביז דאַמאָלסט האָט יעדער איד, וואָס האָט געהאַט אַ שטיקל השפעה אין די הויכע ספערן, זיך משתדל געווען פאַר אידן. אָבער די שתדלנות האָט ניט געהאַט קיין סיסטעם, יעדער יחיד האָט געטאָן על דעת עצמו, און דאַדורך האָט די שתדלנות ניט געהאַט דעם געהעריקן דערפאָלג. אָף דער פּעטערבורגער אַסיפה, איז דאָס שתדלנות געוואָרן אַ פאַראַנטוואָרטליכע זאַך, פאַר וועלכע איין פּערזאָן האָט געטראָגן די אחריות.

אין דער געזעלשאַפטליכער טעטיקייט פון ר' יצחק אלחנן זצ"ל, האָט זיך דאַמיט אָנגעהויבן אַ נייע תקופה. ער איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן בראש פון גאַנצן רוסישן אידנטום, וועלכע האָט זיך לײדער, געטרונקען אין אַ ים פון טרערן, און ער האָט געפילט די גרויסע אחריות וואָס עס ליגט אָף אים צו ראַטעווען זיין פאָלק פון פּאָגראָמען, און רדיפות ר"ל.

אָף דער ערשטער אַסיפה האָט באַראָן גינזבורג ז"ל געלעזן אַ רעפעראַט איבער דער טרויעריקער אידישע לאַגע, און עס איז באַשלאָסן געוואָרן צו עפענען אַ דעבאַטע איבער 9 פּונקטן, וועלכע זיינען נוגע די מאָראַלישע גייסטיקע און מאַטעריעלע לאַגע פון רוסישן אידנטום. (זעט אויספירליך "המליץ" תרמ"א).

זעקס וואָכן האָבן געדויערט די באַראַטונגען אין פּעטערבורג. נאָך איידער מען האָט דעפיניטיוו באַשלאָסן, וועלכע שריט מען זאָל אָנגעמען, האָט מען ערפאַרן אין פּעטערבורג, אַז עס זיינען באַשטימט געוואָרן אין די זעכצן גובערניעס פון תחום המושב רעגירונגס־קאָמיסיעס, כדי צו פאָרשן די אידישע לאַגע. דער אינציאַטאָר פון די קאָמיסיעס איז געווען דער צורר היהודים "איגנאַטיעוו", דער דאַמאָלסטדיקער איגערן־מיניסטר.

איידער מען האָט זיך געוואָלט משתדל זיין וועגן אַ ענין, וואָס איז נוגע דעם כלל, האָט מען זיך פריער געמוזט באַראַטן מיטן גאון, און באַשליסן אָף וועלכן וועג און דורך וועלכע מיטלען זאָל דער ערפאָלג דערגרייכט ווערן. דאָס שתדלנות איז געוואָרן אָרגאַניזירט, און דאָס האָט שפּעטער געהאַט אַ גרויסן באַדייטונג.

די פּאָגראָם־כוואַליע, וואָס האָט יענע יאָרן געבושעוועט אין רוסלאַנד, און די אַנטיסעמיטישע רדיפות, וואָס האָבן ניט אויפגעהערט אין "איגנאַטיעווס" צייטן צו פאַרפאָלגן די אידן אין רוסלאַנד, זיינען דורך די קאָמיסיעס ניט לייכטער געוואָרן, אַדרבא זיי האָבן זיך נאָך פאַרשטאַרקט, און אָנגענומען אַ מער דרויענדן כאַראַקטער. דאַמאָלסט האָבן ווידער די מיטגלידער פון דער דאַמאָלסטדיקער אַסיפה זיך משתדל געווען פאַר דער רעגירונג זי זאָל ערלויבן ווידער צו אַר־

גאניזירן א קאנפערענץ אין פעטערבורג.

די רעגירונג וואס האט ארגאניזירט די פאגראמען, האט אף אידישע קאנפערענצן געגעבן די הסכמה. (זאלן זיך די אידעלעך בעראטן) דער רעגירונג האט זיך געדאכט, אז די פאגראמען וועלן דערווייל שטארקער ארגאניזירט ווערן.

— — —

אין יאר 1882 תרמ"ב נאך פסח איז ווידער צושטאנד געקומען אין פעטערבורג א קאנפערענץ, געוויינליך איז דער גאון געווען די לייטנדע און פירנדע פערזאן, כאטש ער איז דאמאלסט שוין געווען אלט און שוואך, איז ער געקומען אין פעטערבורג און האט אנגעפירט מיט דער פאראנטווארטליכער ארבעט. ער האט איינגעטיילט די ארבעט צווישן די מיטגלידער פון דער פארזאמלונג. נאכן צוזאמענשטעלן פון א פראגראם, האט יעדער מיטגליד געארבעט אין דער אנגעוויזענער ריכטונג. עס האט זיך איבערהויפט אף דער אסיפה געהאנדלט וועגן ריינוואשן דעם אידישן כלל פון די שקר בלבולים, וואס צוררי היהודים האבן פארשפרייט וועגן זיי טאג־טעגליך נייע בלבולים, און דער עיקר וועגן דעם בלבול אז די אידן האבן אן אנאנימע מלוכה וועלכע זיי רופן אן „שלטון הקהל". די אופגאבע פון דעם „שלטון הקהל" ווי די שונאים האבן פארגעשטעלט דער רעגירונג, איז צו פארשטארקן די אייגנארט פון די אידן, זיי זאלן זיך ניט אסימילירן מיט די אנדערע שכנים. אין דער זעלבער צייט שטיצט דער „שלטון הקהל" אלע מלוכה־שונאים". קעגן די בלבולים האבן די אידן דערלאנגט א מעמאריאל דעם אינערן־מיניסטר.

אלעס דייטליך וועט דער געערטער לעזער זען אין „זכרון יעקב" חלק שלישי, דעם הויפט מאטעריאל פון די אלע געשעענישן וועט דארט דער לעזער געפינען מיט אלע פאקטן קלאר און אויספירליך, ווייל מיין זעליקער פאטער ז"ל האט אף צו ראטעווען אונזערע ברידער פון בלבולים און פאגראמען, זיך ממש מוסר נפש געווען, און ב"ה זייער פיל אופגעטאן. וכידוע איז ער געווען די רעכטע האנט פון גאון צענדליקער יארן, און די וויכטיקסטע כלל־ארבעט איז תמיד דורך מיין זעליקן פאטער ז"ל געשאפן געווארן.

נאך די פארשידענע גרויסע השתדלות'ן און דערהויפט נאך די „מיטינגען" אין ענגלאנד (ווי עס וועט דערציילט ווערן אויספירליך אין „זכרון יעקב" חלק ג') האט דער מיניסטר „איגנאטיעוו" באקומען דימיסיע, דעם 10 מאי 1882 איז באמינירט געווארן „טאלסטאי" אלס אינערן־מיניסטר. און די אידן האבן פרייאפגעאטעמט. דער נייער מיניסטער האט צוגעשיקט א צירקולאר צו אלע גוּבערנאטארן, אז זיי פערזענליך וועלן זיין פאראנטווארטליך פאר די פאגראמען אויב זיי וועלן ניט אננעמען די געהעריקע מיטלען איינצופירן אין לאנד ארדנונג און רו...

און ווידער איז עס געווען דער גאון — וועלכער האט א דאנק זיין טיפן חוש און ענערגיע פארשטאנען דורך וועלכע וועגן און מיטלען וועט מען ראטעווען דאס פאלק ישראל פון זייערע אומזיסטע שונאים. דער גאון מיט זיין רעכטע האנט, מיין זעליקן פאטער ז"ל, האבן פשוט ניט גערוט און ניט גע־

קוקט אַף קיין שווערִיקייט, און מיט דער גרעסטער מסירות נפש געאַרבעט צו־זאַמען מיט נאָך געצייילטע באַרימטע נכבדים טאָג און נאַכט, און אַ דאַנק השי״ת איז זיי געלונגען צו ראַטעווען מיליאָנען אידן, כן ירבו, פון אַלע אומ־גליקן, ה׳ ירחם.

כאַראַקטעריסטיש איז, אַז זייענדיק אַף דער קאָנפערענץ אין פעטערבורג וואו עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן פיקוח נפש פון כלל ישראל, האָט דער גאון באַקומען אַטעלעגראַפישע ידיעה, אַז אין קאָוונע איז אויסגעבראָכן אַ שריפה ר״ל, און פיל מענטשן זיינען געבליבן אָן א דאַך, דער גאון האָט אַלע דאגות מקרוב ומרחוק אַף זיך גענומען, און אין אַלע פאַרשידענע צייטן און אין אַלע ערטער וואו ער איז געווען, האָט ער אָן אופהער וועגן אַלעס נויטיקעס גע־זאָרגט און געטאָן, וואָס עלטער און פיזיש שוואַכער איז ער געוואָרן, אַלס מע־רער האָט ער גייסטיק געאַרבעט, זייענדיק דאַמאָלסט שטאַרק באַשעפטיקט אין פעטערבורג וועגן מחלת הפאָגראָמען, דאָך האָט ער רעאַגירט און דאָרט גע־זאַמלט געלט פאַר די קאָוונער נשרפים ר״ל, און גלייך געשיקט נאָך קאָוונע סומען געלט, אויך געגרינדעט אַ רעטונגס־קאָמיטעט, אָט אַזוי איז ער אומער־מידליך געווען טעטיק לטובת, הכלל והפרט ביז דער לעצטער מינוט פון זיין לעבן!

דיצרות האָבן אָבער אַפילו זינט „טאָלסטוי״ איז נאָמינירט געוואָרן אַלס מיניסטער, ניט אופגעהערט, די „צייטווייליקע איגנאַטעווי׳ס״ תקנות זיינען ניט אָפגעשאַפט געוואָרן, דאָס אַרויסשיקן אידן פון דערפער איז מיט דער גאַנצער שטריינקייט פאַרווירקליכט געוואָרן, און ועל כולם דער מיט בלוט געשריבענער געשיכטע „גרוש מאָסקיוע״, אָט די אַלע צרות, וואָס האָבן זיך ווי פון אַ ים געגאָסן אַף אידישע קעפ ר״ל, האָבן געפונען באַם גאון אין שטוב אַן אָפ־קלאַנג, אין זיין צימער האָט זיך געהערט דער גוואַלטיקער אידישער יאָמער, זיין וואַרם אידיש האַרץ, זיין תורה־גייסט האָט געפלאַצט פאַר ווייטאָק און צער ניט קענענדיק צוזען דעם גרויסן חורבן פון אידן, דאָס פאָלק־קאַטאַסטראָפע האָט אים פשוט אַלט און קראַנק געמאַכט, יעדער געליטענער איז באַ אים גע־ווען ווי זיין אייגענער, קינד און עס איז אים קיין זאַך ניט שווער געווען, טון עסן, טרינקען און שלאָפן האָט ער גאָר פאַרגעסן זיין האַרץ, זיין נשמה איז געווען מאָביליזירט צו ראַטעווען דאָס פאָלק ישראל מיט וואָס נאָר מעגליך, ער האָט אָפגעהאַלטן פילע קאָנפערענצן, פאַרזאַמלונגען, געשריבן, געפאָרן און גע־שיקט מענשן בעלי רגש ומטיבי מעש צו פאַרלייכטערן על כל פנים די אידישע יסורים, און השי״ת איז אים געווען צו הילף.

נאָך פיל מי און השתדלות׳ן במסורת אבות, איז דאָך געלונגען די גזירה פון גרוש „אַפן דאָרף״ צו פאַרלייכט רן אין דעם זין, אַז די גזירה איז נאָר חל אַף אידן, וואָס האָבן זיך באַזעצט אין דאָרף נאָכן יאָר 1882, די אידן אָבער, וואָס האָבן פאַר דער פאַרעפנטל׳כונג פון די „צייטווייליקע תקנות״ געוואוינט אין דאָרף, אַף זיי איז די גזירות גרוש נ י ט חל.

אויך איז לויט דער איניציאַטיוו פון גאון געמילדערט געוואָרן דאָס געזעץ וואָס האָט פאַרבאָטן די אידן צו וואוינען אָפן שטח „פון פופציק וויאָרסט באַ דער גרעניץ״

חוץ די גזירות גירוש, וועֶלכעֶ זיינעֶן לויט דעֶר איניציאַטיוו פון גאון געֶמילדעֶרט געֶוואָרן, דורך פיל השתדלות׳ן וועֶלכעֶ זיינעֶן דאַדורך געֶראַטעֶוועֶט געֶוואָרן פון הונגעֶר, נויט און טויט רבבות אידן, כן ירבו, איז אויך פאַרפאַסט געֶוואָרן אַן אַפּאָלאָגעֶטישע שריפט צו פאַרטיידיקן דעֶם תלמוד הקדוש, און אויך די אַרבעֶט איז געֶשעֶן לויט דעֶר אָנווייזונג און איניציאַטיוו פון גאון, זכותו יגן עלינו.

אין יאָר 1884 איז געֶשטאַנעֶן אין דעֶר שפיץ פון דעֶר אידישעֶר קאָמיסיע פון וועֶלכעֶ עֶס איז געֶווען אָפּהייניגיק דעֶר אידישעֶר גורל, דעֶר „גראַף פּאַהלעֶן״.

אייניגעֶ אידן האָבן פאַרקעֶרט באַ אים, און אין אַ אינטימען שמועס מיט אַ אייַנפלוסרייכן אידן האָט זיך „גראַף פּאַהלעֶן״ אויסגעֶדריקט, אַז דעֶר תלמוד איז די סיבה, צוליב וועֶלכן די אידן זיינעֶן מאָראַליש פאַרדאָרבן. (? ? ?)

מעֶן האָט גלייַך דעֶרציילט דעֶם גאון די אומגינסטיקעֶ מיינונג פון „גראַף פּאַהלעֶן״ וועֶגן תלמוד, וועֶלכעֶ קען האָבן אַ שלעֶכטעֶ השפעה אַף דעֶר אַנטשיידונג פון דעֶם אידישן פּראָבלעֶם.

דעֶר גאון האָט באַשלאָסן אַז עֶס מוז פאַרפאַסט ווערן אַ אפּאלאגעטישעֶ שריפט, וואָס זאָל פאַרטיידיקן דעֶם תלמוד, און די אפּאלאגעֶטיק זאָל איבערגעֶבן ווערן דעֶם גראַף פּאַהלעֶן.

אַלס די פאַסנדעֶ פּעֶרזאָן די וויכטיקעֶ שריפט צו פאַרפאַסן, איז געֶוויילט געֶוואָרן דעֶם גאון׳ס גוטעֶר פריינט, דעֶר גרויסעֶר פילאָסאָף און באַרימטעֶר צדיק ר׳ שמשון רפאל הירש זצ״ל פון פראַנקפורט א. מ. וועֶלכעֶר האָט די פאַרטיידיקונגס שריפט פאַרפאַסט. און דורך די פאַרמיטלונג פון אַ דייטשן גראַף זי איבערגעֶשיקט צום גראַף פּאהלען, וועֶלכעֶר האָט געֶהאַט גרויס עֶרפאָלג. דעֶר נאָמעֶן פון די פאַרטיידיקונגס שריפט איז: „איבעֶר די באַציאונג דעֶם תלמוד׳ס צום אידנטום און צו דעֶר סאָציאַלן שטעֶלונג זיינעֶר בעֶקענעֶר״.

אויך די פאַרטיידיקונגס שריפט קעֶגן איסור השחיטה, וואָס עֶס האָט פאַרפאַסט דעֶר באַרימטעֶר דאָקטאָר דעֶמבאָ ז״ל פון פּעֶטעֶרבורג, איז צושטאַנד געֶקומעֶן דורך דעֶם גאון׳ס איניציאַטיוו. אפילו די פאַרשידעֶנעֶ הוצאות, וואָס זייַנעֶן געֶוועֶן פאַרבונדן מיט די פולעֶ פאַרשיידעֶנעֶ רייַזעֶס פון ד״ר דעֶמבא און די הוצאות, וועֶלכעֶ זייַנעֶן געֶוועֶן קאָלאָסאַלעֶ, אָט די אַלעֶ סומעֶן זיינעֶן באַזאָרגט געֶוואָרן דורך דעֶם גאון, און דורך די טעֶטיקייַט פון ד״ר דעֶמבא איז די שאלת השחיטה דאַמאָלסט עֶרליידיקט געֶוואָרן אַפן בעֶסטן אופן.

אין דעֶר קאָלאָסאַלעֶר אַרבעֶט פון ד״ר דעֶמבאָ ז״ל, איז מיין פאָטעֶר׳ס שטוב געֶוועֶן דעֶר הילפסצעֶנטעֶר, ווייַל אָפט פלעֶגט ד״ר דעֶמבאָ קומעֶן באַגייסטעֶרט פון גאון׳ס מסירת נפש וועֶגן שאלת השחיטה, וועֶלכעֶ האָט אַפן ד״ר דעֶמבא זעֶלבסט פיל געֶווירקט. וחפץ ה׳ בידו הצליח!

* * *

אין דעֶר לעֶצטעֶר עפּאָכעֶ פון גאון׳ס לעֶבן, וועֶלכעֶ האָט זיך אָנגעֶהויבן פון 1881 ביז 1896 איז געֶוועֶן אַ גאָלדעֶנעֶ קייט פון מעשים כבירים, פון היסטאָרישעֶ געֶשעֶענישן אין אידישן לעֶבן. עֶר איז אין דעֶר צייט באַטראַכט געֶוואָרן אַלס דעֶר מיטל־פונקט וואו עֶס קאָנצעֶנטרירט זיך דאָס גאַנצעֶ אידישעֶ כלל לעֶבן

און אין זיין שטוב האָט אָפּגעהילכט דער גרויסער אידישער קרעכץ פון דעם שוואַכען קראַנקן ישראל סבא, וואָס האָט זיך ליידער, געטרונקען אין אַ ים פון צרות ר״ל.

חוץ עניני צבור, איז ער אויך געווען אַ אַב יתומים ודיין אלמנות. יעדער צובראָכן האַרץ האָט זיך געווענדעט צום גאון, צום צדיק נאָך הילף.

מען מוז אויך נעמען אין באַטראַכט, אַז דער גאון איז געווען אייגער פון די טעטיקסטע אויסנאַמע רבנים וועלכע האָבן געזאָרגט וועגן אַלע מוסדות העיר, וועגן אַלע הצטרכות׳ן פון דער קהלה. צוליב עניני כלל האָט ער ניט פאַרנאַכלעסיקט קיינע שטאָטישע אָנגעלעגנהייטן. בּאַ אַזאַ אָגגעשטריינגטע אַר־בעט, איז ניט קיין וואונדער, אַז זיינע פּערזענליכע אָנגעלעגנהייטן זיינען דוקא פאַרנאַכלעסיקט געוואָרן... און עס איז אויך ניט קיין וואונדער, אַז אַ מענטש וואָס האָט זיין גאַנץ לעבן געאָפּפערט פאַרן כלל און פאַר יעדן פרט מקרוב ומרחוק, האָט קיין גלעגנהייט ניט געהאַט צו זאָרגן אַמאָל פאַר זיין פּערזאָן אָדער פאַר זיין פאַמיליע. זיין ״איך״ איז געווען גאָר ניט נחשב בּאַ אים.

אַמאָל איז מיין זעליקער פאָטער ז״ל געפאָרן מיטן גאון אַף אַ חתונה צו זיין אייניקל. די חתונה איז פאָרגעקומען אין אַ קליין שטעטל. אַף דער חתונה זיינען געווען געלאַדן פיל רבנים ואורחים נכבדים. פאַר דער חופה האָט דער גאון דערהאַלטן די צוגעשיקטע בריוו פון קאָוונע, צווישן וועלכע עס איז אויך געווען אַ זייער וויכטיקע ידיעה וועגן אַ כלל ענין, אַף וועלכער מען האָט גלייך געמוזט רעאַגירן.

ר׳ יעקב! האָט דער גאון—צו מיין פאָטער ז״ל—געזאָגט: אמת אַלע וואַר־טען שוין אַף דער חופה, אָבער מיר מוזן פריער ערליידיקן די פאָסט, פּיקוח נפש איז אַלץ דוחה, בזכות טובת הכלל וועט דער פרט אויך געהאָלפן ווע־רען, און לאָמיר, ר׳ יעקב, זיך נעמען צו די הייליקע אַרבעט ראַטעווען אונזע־רע ברידער וואָס גיכער! מיט דער חופה האָט מען געוואַרט ביז מיין פאָטער ז״ל האָט אים געהאָלפן ערליידיקן די פאָסט אין בעסטן אָרדנונג, און ערשט דאַמאָלסט איז די חופה פאָרגעקומען.

דער שטריך איז נאָר איינער פון די טויזנטע, וועלכע ווייזט ווי ווייט דער כלל איז בּאַם גאון חשוב׳ער געווען ווי אַלע זיינע פּערזענליכע אָנגעלעגנהייטן, ער איז ווירקליך געווען כרחם אב על בנים, און זיין זכות זאָל אונז שטענדיק ביישטיין.

זיין פאַמיליע.

אין ״זאַבעלין״ איז געבאָרן געוואָרן דער ערשטער זון ר׳ חיים ז״ל, שוין אין דער פריסטער יוגנט האָט ער זיך אויסגעצייכנט, מיט זיינע זעלטענע כשרונות, אויך אין מדות איז ער געווען ענליך צום פאָטער ז״ל. ער האָט חתונה געהאַט מיטן בּאַוואוסטן גאון ר׳ יאָסעלע סלוצקער׳ס ז״ל טאָכטער, זייענדיק אַ גרויסער למדן און אַ מוסמך להוראה, האָט ר׳ חיים ז״ל דאָך ניט מסכים געווען

אָנצונעמען דעם פּאָסטן׳ פון אַ רבי׳ ער האָט דאַדורך איינינע יאָר געפּרובט צו האַנדלען׳ כדי ניט נהגה צו זיין פון דער תורה׳ אָבער אין מסחר האָט ער געהאַט ווייניג ערפאָלג׳ און איז געווען געצוואונגען מסכים צו זיין ווערן אַ קאַווענער מורה־הוראה׳ צום באַדויערן אָבער איז ער אין זיינע בליענדע יאָרן געשטאָרבן׳ אין עלטער פון פערציק יאָר איז ער נפטר געוואָרן׳ זכרונו לברכה׳

אין „באַרעזע״ איז געבאָרן געוואָרן די איינציקע טאָכטער רחל׳ זי איז געווען אַ זייער געראָטן קינד׳ טאַקע מיט אַלע מעלות׳ און האָט חתונה געהאַט מיט ר׳ הירש סעלצאָווסקי׳ אָבער אויך זי איז ווי דער ברודער ליידער געשטאָ״בן יונגערהייט׳ ר׳ הירש סעלצאָווסקי׳ דער געוועזענער איידעם איז געבליבן ביז די לעצטע יאָרן ביי ר׳ יצחק אלחנן ז״ל׳ און האָט מיט אים אין צדקה זאַכן און פאַרשיידענע כלל זאַכן רי״א פיל מיטגעהאָלפן׳ ר׳ הירש סעלצאָווסקי ז״ל איז נפטר געוואָרן י׳ שבט שנת עת״ר׳

פון ר׳ חיים׳ן און פון רחל׳ן זיינען געבליבן צוויי קינדער׳ ר׳ יאָסעלע דער זון פון ר׳ חיים׳ן׳ און זלאַטע די טאָכטער פון רחל׳ן׳ביידע קינדער זיינען ערצויגן געוואָרן ביי רי״א ז״ל׳ הרה״ג ר׳ יאָסעלע רבינוביץ איז געווען אַחריף ובקי בתורה און זייער באַרימט אין מדות טובות׳ די איניקל זלאַטע האָט חתונה געהאַט מיט הנכבד הנעלה ר׳ אליהו טאַבעלאָווסקי׳ און רי״א ז״ל האָט מיט יאָסעלען און מיט אליהו געלערנט אַ ליינגערע צייט גמרא און פוסקים׳ זלאַטע איז געווען ביי רי״א ווי אַ טאָכטער׳

דער יורש פון קאָוונער רבנות׳ הגאון ר׳ הירש ראַבינאָוויץ ז״ל איז אין ניעשוויז געבוירן׳

דער דריטער זון הרה״ג הנעלה ר׳ בנימין ז״ל איז אין נאָוואַרידאָק געבאָרן׳ ער איז געווען זייער געאַכטעט און געשעצט פון אַלע שיכטן׳ די מדות פון צדקה וחסד׳ שלום ורעות וואָס זיין פאָטער ז״ל האָט זיך אויסגעצייכנט׳ איז געווען ביי ר׳ בנימין ז״ל אין זייער אַ גרויסע מאָס׳ עס לאָזט זיך גאָר ניט פאַרגעסן! אין יאָר תרל״ב האָט ער חתונה געהאַט מיט זיין געערטע פרוי דבורה׳ אַ טאָכטער פון באַרימטן הרב הגביר הצדיק והנדיב ר׳ אלי׳ בעהר ז״ל פון מעמל׳ וועלכער האָט כל ימיו עוסק געווען בתורה ומעשים טובים׳ און די לעצטע צוואַנציק יאָר האָט ער זיך געווידמעט אויסשליסליך דער תורה ועבודה לכבוד ולתפארת׳ אין יאָר תרס״ו ב׳ שבט ביי זיין 54 יאָר אַלט׳ איז ר׳ בנימין ליידער ביי זיך צו הויז׳ פון רוצחים געטויט געוואָרן; דעם אומגליק איז אוממעגליך צו באַשרייבן׳ און זיין פערזענליכקייט לאָזט זיך ניט פאַרגעסן׳ תנצב״ה

אין יאָר תרמ״ד איז רי״א ז״ל געוואָרן אַ אַלמן׳ די געערטע רביצן שרה ריזל ע״ה איז אין קאָוונאָ געשטאָרבן׳ אין יאָר תרמ״ד האָט רי״א ז״ל התונה געהאַט מיט דער געערטע פרוי חנה׳ וועלכע איז געווען פריהער אַ שנור פון וואַרשעווער רב ר׳ חיים דאַווידזאָן ז״ל׳

די השכלה תקופה דורך דער רעגירונג׳

אין יאר 1844 האָט דער דאַמאָלסטיקער בילדונגס־מיניסטר „אוואַראָווצושיקט אַ צירקולאַר צו אַלע קוראַטאָריומס׳ אין וועלכן זיי ווערן אויפגעפאָדערט׳ צו קאָנטראָלירן די מלמדים׳ וועלכע זאָלן שטיין אונטער זייער השגחה׳ אין יאָר 1849 האָט דער מיניסטר פערלאַנגט׳ אַז אַלע מלמדים זאָלן באַזיצן

די שפת המדינה און אויך האָבן געווויסע ידיעות אין היסטורי׳ חשבון׳ געאָג־ראַפיע׳ און עס זיינען אָרגאַניזירט געוואָרן קאָמיסיעס׳ וואָס זאָלן עקזאַמינירן די מלמדים׳ אויב זייערע ידיעות ענטשפּרעכן דעם געפּאָדערטן צענז׳

צוליב פערשיידענע טעמים האָט אָבער די רעגירונג צוריקגעצויגן איר צירקוליאַר און אויפגעלעזט די קאָמיסיעס׳

אין יאָר 1856 האָט די רעגירונג ווידער צושיקט צו די קוראַטאָריומס אַ ניי־עם צירקוליאַר׳ לויט וועלכן׳ די מלמדים׳ וועלכע זיינען טעטיק אין זייער פאַך׳ האָבן דאָס רעכט ביז 1875 און אַ עקזאַמען ווייטער צו לערנען; אָבער פון 1875 אָן וועלן צוגעלאָזן ווערן צו מלמדות׳ נור די׳ וואָס וועלן האָבן געענדיקט דעם ווילנער אינסטיטוט פאַר לערער׳ אָדער די זיטאָמירער ראַבינער־שולן׳ עווענטועל וועלן האָבן רעכט צו ווערן מלמדים׳ יונגע מענטשן׳ וואָס האָבן געענדיקט די העכע־רע קלאַסן גימנאַזיע׳

פון די מלמדים׳ וואָס זיינען דערווייל טעטיק׳ האָט מען קיין עקזאַמען ניט געפּאָדערט׳ זיי האָבן נור געמוזט איינצאָלן פּ ו פ צ י ק קאָפּיקעס און באַ־קומען אַ נייעם אַטעסטאַט׳ וועלכע די פּאָליצייַ האָט געמוזט באַשטעטיקן אַז די באַטרעפנדע פּערזאָן איז ניט חשוד פּאָליטיש׳ ביז 1875 יאָר האָט מען אַלזאָ קיין שוועריקייטן דיזע מלמדים ניט געמאַכט׳ וועלכע זיינען שוין טעטיק געוואָרן פון 1865 יאָר׳ נייע אַטעסטאַטן פאַר נייע מלמדים האָט מען ניט געגעבן׳ די אַלטע נור׳ האָבן געהאַט רעכט נאָך איינצאָלן 50 קאָפּ׳ צו באַקומען אַנשטאָט זייער אַלטן אַטעסטאַט—אַ נייען׳

דאָס יאָר 1875 האָט זיך דערנענטערט׳ און די גאוני ישראל פון יענער צייט האָבן פּאָרויסגעזען די גרויסע סכנה וואָס דראָט ר״ל דעם לימוד התורה פון חדרים׳ אויב אָנשטאָט די מלמדים אידן יראים ושלמים׳ וועט דאָס גאַנצע חנוך וועזן איבערגעגעבן ווערן אין די הענט פון די זיטאָמירער און ווילנער סעמינאַריסטן׳

די גאונים ר׳ ישראל סלנטר און ר׳ אלי׳ קראַטינגער זצ״ל׳ האָבן זיך דאַן געווענדעט צום גאון ר׳ יצחק אלחנן זצ״ל׳ ער זאָל אָנהויבן השתדלות׳ן ביי דער רעגירונג׳ מבטל צו מאַכן די גזירה פון די עקזאַמענס׳

אויף אַ קאָנפערענץ פון די אויבנדערמאָנטע גאונים איז באַשלאָסן׳ יע־דער קהל זאָל דערלאַנגען מעמאָראַנדומס און איבערצייגן די רעגירונג׳ די גרויסע געפאַר פאַרן יהדות וואָס די גזירה איז עלול צו ברייגנען׳ די אַלע מע־מאָראַנדומס זיינען דערהאַלטן געוואָרן אין בילדונגס מיניסטעריום׳ און האָבן געמאַכט אויפ׳ן דאַמאָלסטיקן מיניסטר ״טאָלסטוי״ אַ שטאַרקן רושם!

די נידעריק מיניסטעריאַל בעאַמטע האָבן אָבער אָנגעוויזן דעם מיניסטער׳ אויף דער אונמעגליכקייט צו ענדערן אַ בעפעל פון קייזער׳ נאָך פּילע ויכוחים איז דעם בילדונגס־מיניסטר געלונגען פערלייגערן דאָס עקזיסטירנדע געזעץ נאָך אויף 2 יאָר׳ נאָך אַ קורצע צייט איז ווידער פערעפענטליכט געוואָרן אַ ניי־ער צירקולאַר׳ לויט וועלכן די מלמדים׳ וואָס זיינען געוועזן טעטיק פון 1869 יאָר׳ קענען ווידער באַקומען אַטעסטאַטן אויף אַ אונבאַגרעניצטע צייט׳ ביז דער ״גאָ־סודאַרסטווענע סאָוויעט״ וועט די מלמדות—פראַגע ענטגילטיק ערליידיקן׳

דאָס פערופן זיך אויף די ענטגילטיקע ענטשיידונג דורך דעם „גאָסודאַר־סטווענע סאָוויעט״, האָט געגעבן די מעגליכקייט די אידישע שתדלנים אָנצו־הויבן אַ פּאַרטיידיקונגס אַקציע אין די הויכע פענסטער, ביי די מיטגלידער פון דעם סאָוויעט. מ׳האָט אָבער געמוזט געפינען די געהעריקע פּאַסיקע פער־זאָנען, וואָס האָבן אַ שייכות צו די „הויכע ספערן״... צווישן אידן זיינען אַפילו אין יענער צייט געווען איינציגע, וואָס האָבן געהאַט אַ גרויסע השפעה אין די ספערן, אָבער זיי האָבן אַ קנאַפּע שייכות געהאַט מיטן רעליגיעזן אידנ־טום. אַ דאַנק די השפעה פון ר׳ יצחק אלחנן, איז אים דאָך געלונגען די אַלע מענטשן צוציען צו דער אַקציע, און לויט דעם גאון׳ס וואונטש האָבן זיי אָנ־געווענדעט אַלע זייערע איינפלוסן צו פועל׳ן ביי די סאָוויעט מיטגלידער אַז די פראַגע זאָל געלייזט ווערן.

די טעטיגקייט פון גאון אין יענער צייט אויף דעם געביט פון דער „מלמדות פראַגע״, איז פשוט געווען אַ איבערמענשליכע. כמעט 16 יאָר אָן הפסק האָט ער ניט מסיח דעת געווען פון דער גוואַלטיקער הייליקער אַרבעט.

כדי די השתדלות׳ן זאָלן האָבן ערפאָלג, האָט זיך אויך געפאָדערט גרוי־סע סומען, אָבער אויך דאָס געלט האָט רבנו יצחק אלחנן ז״ל געשאַפן. ענ־דליך האָט די אַרבעט פון גאון, פון צדיק, געהאַט דעם ענטגילטיגן ערפאָלג.

אין יאָר 1893 האָט דער קייזער אלכסנדר דער דריטער, באַפרייט אַלע מלמדים פון עקזאַמען, און איינצאָלנדיק 3 רובל פאַר אַ „שיין״, האָט יעדער געהאַט דאָס רעכט אַלס מלמד טעטיק צו זיין.

ניט לאַנג האָט אָבער געדויערט דעם גאון׳ס שמחה. אין יאָר 1895 האָט די רעגירונג ווידער פערעפנטליכט אַ צירקוליאַר, און פאַרבאָטן צו לערנען תלמוד (גמרא) און דקדוק אין די חדרים.

אַלע האָבן געוואוסט, אַז יד ישראל באמצע, אַז דאָס האָבן די נייע ניט־געבעטענע בעלי טובות געוואָלט מאַכן געשעפטן פון דעם חורבן הדת ר״ל.

נאָכן פערעפנטליכונג פון צירקוליאַר זיינען ווידער די גאוני ישראל אַריינגעפאַלן אין צער ר״ל דער גאון האָט אָבער ווידער אָנגעהויבן אַ ענערגישע אַקציע.

די פאַרשידענע צוגעשיקטע נייע מעמאָריאַלן האָבן סוף כל סוף איבער־צייגט דעם בילדונגס־מיניסטר, און ער האָט דעם צירקוליאַר צוריקגעצויגן.

די שמחה פון גאון, נאָכדעם, ווי די גזרות איז אַ דאַנק השי״ת דורך די השתדלות׳ן בטל געוואָרן, איז אומעגליך צו שילדערן.

כדי צו האָבן אַ באַגריף פון גאון׳ס צער, צוליב די גזרות, און פון זיין שמחה, נאָכדעם ווען עס איז אים געלונגן מבטל צו מאַכן זיי, ציטיר איך דאָ זיינע בריף צו די געערטע שתדלנים:

ב״ה יום א׳ כ״ז ניסן תרנ״ה קאָוונא.

כבוד ידיד בית ישראל וידי״נ ה״ה השר הנעלה וגדול ליהודים הנציב המרומם רב פעלים והמפורסם וכ״ו כש״ת מו״ה יעקב פאליאקאוו נ״י שוכט״ס.

אחדשה״ט בכבוד הראוי, לפני שבועות מספר התכבדתי לבוא לרום הדרת

תפארתו בדבר הפקודה של איסור לימוד התלמוד בחדרים׳ לבבי כלבבות כלל אחב״י נשברים לרסיסים מרוב יגון׳ מפני האיסור האיום ההוא שלא היה בעמנו זה הרבה מאות שנה — שיגרום ח״ו להרוס את יסודי התורה והדת ולכבות הגחלת הנשארה של היהדות מבני דור נולד׳ ה׳ ירחם׳ ורק זאת תנחמנו הבטחת רום הדרתו להרבות תחינה ובקשה להכניס תפלת ותחנוני אחינו ב״י ולהפיק רצון בע״ה׳ יהי׳ מחסד מעכ״ת למלאות חפצו והבטחתו הטובה לנסוע בהקדם לס״ט פעטערבורג להשתדל שם להציל את תוה״ק מכליון ואבדון׳ עיני כלל אחב״י נשואות אל הדרתו׳ לכן כשם שבנתינת התורה ירד הקב״ה בעצמו לתת לבנ״י ולא ע״י שליח׳ ככה חובה עלינו לבקש שיורז גם מעלתו בכבודו ובעצמו׳ לא ע״י מכתבים ושלוחים להציל את פליטת תורה״ק׳ ומפעלות צדקתו ישארו לזכרון עולם חרות בהדרת קדש לתפארה׳ בתולדות בני עמנו כי הגדיל לעשות׳ וחפץ ה׳ בידו הצליח להגן ולהציל את תורה״ק׳ ומה רב הזכות הזה׳ עין לא ראתה א״ק זולתך יעשה למחכה לו׳ כעתירת וברכת ידידו דוש״ת׳ החופ״ק׳ **יצחק אלחנן׳**

ב״ה יום ג׳ ז׳ אלול שנת תרנ״ה קאוונא׳

כבוד ידיד בית ישראל וי״נ השר וגדול ליהודים׳ פאר ישרון והדרו גדול העליליה ורב פעלים׳ נודע לשם ולתפארה כ״ו כש״ת מו״ה יעקב פאליאקאוו שליט״א׳ שלום וברכה נצח;

אחדשה״ט בהדרת הכבוד׳ ברשות התורה הקדושה׳ ובשם כלל אחב״י אשר תורת ה׳ תמימה היא נשמתו וחיי רוחו׳ הנני מתכבד להגיש רחשי תודה תהלה וברכה לרומעכ״ת׳ אשר זכה וזיכה את הרבים להציל את חמדת ישראל מהאיסור הנורא שיצא על הגמרא הק׳ מבלי ללמדה בחדרי תינוקות של בית בית רבן׳ הן אמרו חז״ל כי העולם כלו מתקיים בהבל פיהם של תינוקות של בית רבן׳ כי אם אין גדיים אין תישים׳ אם לא ילמדו הנערים בילדותם לא יתכן שילמדו בעת שיוטלו עליהם צרכי החיים׳ אם כן ע״י איסור לימוד הגמרא בחדרים עתידה היתה התורה שתשתכח ח״ו מישראל ר״ל׳ ואחרי אשר גם קיומה החמרי של אומתנו קשורה כגוף בנשמה בקיומה הרוחני כפי שהורה הנסיון אשר כל הכתות שפרקו מעליהם את התורה שבעל פה נשכח כל זכר למו׳ וכמאמרם ז״ל כי על פי הדברים האלה כרתי אתך בריתי זו תורה שבעל פה׳ ורק בני עמנו שמסרו ומוסרים נפשם על קדושת התורה שבעל פה׳ נשארנו נצחיים וקיימים כיום הזה׳ לכן מי ימלל גבורת צדקת רומעכ״ת אשר בעת צרה ליעקב כזאת זכהו ה׳ להיות המלאך הגואל׳ הפודה והמציל את תורתנו הנותנת חיים רוחניים וחומריים יחד׳ אשרי חלקו שזכה לזכות רב כזה׳ דהן אמרו חז״ל מצוה גוררת מצוה׳ הנה מפעלות צדקותיו הרבות והעצומות לטובת עמנו תמיד כנחל שוטף צדקה׳ המה שעמדו לו לזכותו להיות הפודה והמציל את תורת ד׳ נצחיות קיומה של האומה כלה׳ אשר באלה עשה לו שם בעמנו כשם הגדולים אנשי השם דגולי אומתנו מדור דורים אשר בהם ישראל יתפאר וגם עד דור אחרון יספרו בנינו עתה תהלות רומעכ״ת׳ כעל כל טוב אשר גמל לתורתנו ולעמנו׳ ואשרי חלקו על שהגדיל לעשות׳ ושכרו הצפון עין לא ראתה

א״ק זולתך יעשה למחכה לו׳ וזכות התורה הקדושה׳ שבה נצח ישראל׳ תעמוד לו ולביתו ולזרעו׳ כי קרנם ירום ונשא וגבה מאד׳ עד אשר יזרח כבוד ד׳ על עמו ותורתו ועיניהם תראינה בשמחת עמנו ובהרמת קרן תורתנו׳ ויכתב ויחתם בכתיבה וחתימה טובה לשנה טובה ומעוטרה וברוב נחת והצלחה ידידו דוש״ת בלונ״ח׳

יצחק אלחנן ספקטור חופ״ק׳

להנצל מאבק חנופה ומחשש תרעומות׳ אין נפשנו לנקוב בשמות את אנשי השם החיים אתנו׳ ה׳ עליהם יחיו׳ אשר היו ידים ברבנו בהשתדלות לרשיון המלמדים ולימוד הגמרא׳ בספר המיוחד לסיפור מפעלות צדיק והגלוים אליו הקרויים חיים במיתתם (וכמו שהזכרנו זאת לעיל)׳ ולכן נציב יד ושם עולם בספר תולדות רבנו׳ רק לידידו וחביבו׳ אשר הקדים את רבנו ללכת למנוחות׳ ונפטר עמו בשנה אחת׳ בשנת השבעים לימי חייו׳ הוא הרה״ג׳ אחד השרידים היחידים מאנשי המעשה ואמוני עם סגולה׳ חכם ישר וצדיק׳ בחיר הנדיבים ורב פעלים מוהר״ר בינוש קאַצינעלנסאָן ז״ל מקיוב׳ הרה״ג הזה׳ אשר דרישת טובת עמנו הכללית׳ והעסק בצרכי הצבור׳ ירושה הן לו מכבוד אביו זכרונו לברכה׳ לא הסתפק בצדקותיו הרבות שעשה עם עניים ואביונים׳ ובפזרו כסף כאפר על כל דבר קדוש וטוב׳ כי כל לבבו הכין לפקח ולהשתדל ולעשות לטובת עמו ותורתו׳ הוא היה אחד מקרואי מועד אנשי השם בשתי האספות שהיו בספ״ב ברשיון הממשלה׳ ובהכירו את רבנו לאביהם של ישראל׳ רבא דעמו ומופת לדורו׳ הריץ ידיו אליו לעזור על ידו בצרכי ישראל וקדושיו׳ ומאז נכנס תחת כנפי רבנו היה זה דרכו׳ כי בכל עת אשר נסע לעיר המלוכה להתיצב לפני גדולים אצילים ורוזנים כיד חכמתו וכשרונותיו הנעלים בדבר עמנו עפ״י המועצות והדעת אשר נדברו תחילה אודות צרכי האומה ומשאלותיה׳ לא שב ישר לביתו׳ כי אם בא תחלה הלום ביחוד אל רבנו להרצות לפניו את מעמד הענינים אשר בגללם עשה דרכו שמה ולשמוע מפיו עצה ותבונה׳ למען התהלך לפניו כפי הרוח אשר יאציל עליו׳ הוא הי׳ מבחירי העוסקים והמשתדלים בדבר המלמדים עם חבריו הנכבדים שיבדלו לחיים טובים׳ ופזר כספו וכחותיו ועתותיו במסעותיו ובהשתדלותו׳ כמעט במסירות נפשו למרות בריאותו׳ וגם בביטול איסור לימוד התלמוד בחדרים לקח חלק גדול בהשתדלות גדולי עמנו ביחד׳ האיש הדגול הזה׳ אשר השתכר הרבה מדי שנה בשנה׳ והיה לאל ידו לעשות עושר רב מאד אשר יאצר ויחסן׳ כי לא היו לו בנים׳ כי אם בת אחת אשר מתה עליו שנים רבות לפני מותו׳ ותהי איפא הוצאת ביתו מעטה בערך הכנסתו׳ פזר נתן כספו לצדקה וחסד לתמיכת בני משפחתו׳ שיהי׳ להם מקור חיים׳ ולאנשים אשר ידע כי ברכה בם לכל דבר שבקדושה׳ וביחוד להוצאותיו על פעולותיו במסעותיו ובהשתדלותו לקיום התורה בישראל׳ איש מצויין׳ פועל כביר׳ בעל נפש זכה ולב חכמה׳ יועץ נדיב וקם על נדיבות כמותו׳ יקר המציאות שאין חזיונו נפרץ בכמה דורות׳ והוא כמתנה טובה מאת קורא הדורות לדורו׳ איש כמוהו הפקיד את רוחו וכל כחותיו וכשרונותיו רק ביד רבנו לעשות ולשמור ככל אשר יצוה עליו בעסקי הצבור החומרים והרוחנים׳ בשנותיו האחרונות נשאו רוחו לעלות לארץ ישראל׳ להקדיש ימיו האחרונים על התורה בטהרה לפני ה׳ בציון׳ כאשר

כן חנן את עפרה בעלותו לא״י בשנת תרנ״ד׳ וישב למען לעשות הכנה לעלות ולהשתקע שמה׳ אפס כי רבנו׳ ויתר הרבנים אשר היו אז עם רבנו במעמד ההוא גזרו עליו לבל יעזוב אותנו עד אם יבצע את מעשהו לטובת התורה׳ וכל הענינים הרוחניים אשר עשה בשימת יד עמו׳ וכל מסעותיו ומעבדיו עשה בחרף נפשו׳ בהיותו חולה אנוש וזקן׳ לא חס על זמנו וכספו המוקדשים לגבוה׳ ולא קים מצות הרופאים עליו לנסוע לקרלסבד׳ ורק בזאת הפעם האחרונה׳ אחרי אשר הקדים מסעו לפ״ב לצורך גבוה׳ מהר לנסוע כל עוד נפשו בו לקרלסבד׳ זכה לשוב ולהעלות את נשמתו הטהורה אל על׳ בביתו בשנת השבעים לימי חייו ת׳ נ׳ צ׳ ב׳ ה׳ והננו מעתיקים אחד ממכתביו הרבים אל רבנו׳ והיה לדוגמא למפעלות צדקותיו׳ וז״ל; ב״ה למב״י׳ ספ״ב תרנ״ה׳ אל כבוד אדמו״ר כו׳ הגריא״ס׳ תמול הייתי אצל השר N׳ והודה כי טעות הי׳ איסור לימוד התלמוד וכי מהרה יתקנו׳ וכאשר הגיד כי מסרו לס׳ בקשתיו לתת לי הרשאה לילך אצלו בשמו והסכים׳ ובקשני לילך ולמסור לו הדבר ואף הגיד לי בית תחנותו והייתי היום אצלו והוא נוסע היום בשעה השניה אחר הצהרים לווילנא כו׳ עפ״י הפצרתי בקשתי לכתוב סתם כי ידרוש אנשים יודעי דת אדות זאת למען יהי׳ לו הבחירה ויגמור פה וכן כתבו מבלי באר השמות כו׳ הרביתי לדבר נגד המורים כו׳ אשר התלמוד נעלם מהם כל עיקר ואיך יכולים להיות מורים בישראל אחרי אשר תכף בן שבע שנים מכין לקרות בלי נקודות והוא לא ידע ואיננו אשם כי לא למדוהו; והשיבני כי המה לא ללמוד התלמוד כ״א ללימודים אחרים נבחרים וכו׳ בקשתיו להרשני לבא אליו לווילנא ולא הסכים כי יעשה פרסום והוא השיבני כי יכול להיות במנוחה׳ כי חלילה לנו לאסור התלמוד וכו׳ קצרות וארוכות דברתי אתו ובקשני אם אחפוץ לכתוב לו זאפיסקע—ועל דברי כי הזמן כבר התחיל ומבטלים הלימוד! השיבני כי לא יאחר הדבר וישלחנו חזרה אל המיניסטרים׳ אדמה כי בלי ספק יבחר את בנו באשר היה הראש בקאמיטעט של הרבנים׳ ע״כ יחוש הביתה וע״י כו׳ יפעול שידרשנו׳ כי בלאו הכי נאמר שיבחור אנשים יודעי התלמוד וכו׳ והרני ידידו מוקירו ומכבדו כערכו הנכבד׳ אברכו כי יחלימנו ה׳ מהרה בריא אולם ויאריך ימיו ושנותיו בנעימים׳

ב י נ ו ש ק א צ ע נ ע ל ס אָ ן ׳

אין יאָר תרל״ד 1874 האָט „בריסק" איינגעלאַדן דעם קאָוונער גאון ר׳ יצחק אלחנן אָנצונעמען דאָס בריסקער רבנות׳ דער רב האָט קיין קאָנקרעטע תשובה׳ די בריסקער בעלי־בתים ניט געגעבן׳ ווען „קאָוונע" האָט ערפאַרן׳ אַז עס איז דאָ אַ מעגליכקייט׳ דער רב זאָל זיי פאַרלאָזן׳ האָט מען מעכב הקריאה געווען אין אַלע בתי מדרשים׳ און שבת־צונאַכט זיינען דעלעגירט געוואָרן אייניקע חשובי העיר צום רב אונטערצוהאַנדלן׳ און אים פאָרשלאָגן אַ הוספה אויף שכירות׳

דער גאון האָט אָבער זיך אָפגעזאָגט פון הוספות׳ און פאַרלאַנגט בלויז איינצואָרדנען אַ בית־דין שטיבל׳ וואו אַלע ד״ת זאָלן פאָרקומען׳ ווייל די ד״ת וואָס פלעגן פאָרקומען ביי אים אין הויז׳ האָבן געשטערט די רוהע פון די הויז און פון דער פאַמיליע׳ און דער וואונש פון גאון איז גלייך ערפילט געוואָרן׳

אין יאָר תרל״ח 1878 האָט ווידער „מינסק״ פאָרגעשלאָגן דעם רב די רבנות־שטעלע, אָבער אויך דעם פאָרשלאַג האָט ער ניט גענומען צוליב דעם דרינגליכן ווונש פון קאָוונער אידן.

אין יאָר תרל״ט איז צושטאַנד געקומען די אידישע קאָמיסיע אין פעטערבורג, וועלכע איז לויט דער איניציאַטיוו פון דער רעגירונג געוואָרן די משכילים האָבן דאַמאָלסט געמיינט, אַז די קאָמיסיע וועט האָבן אַ שייכות מיט די אידישע זכיות אין רוסלאַנד, און דאַדורך האָבן זיי אַגיטירט עס זאָל געוויילט ווערן פון דער אינטעליגענץ, וועלכע זאָל קענען זיך אָריענטירן אין די פראַגן פון אידישע־רעכט. עס זיינען געוויילט געוואָרן באַראָן ה אָ ר ע ץ ג י נ צ ב ו ר ג פון פאָדאָליער גובערניע, הרב החכם ר׳ מ א י ר ל ע ו י ן פון מינסקער גובערניע, ד״ר א ב ר ה ם א ל י׳ ה ר כ ב י פון ווילנער, הגביר החכם השלם ל ו ב ע ץ פון גראָדנער, פראָוויזאָר סאַפּיר פון קאָוונער, און ר אַ ב י נ ע ר בלומענפעלט פון כערסאָנער און יעקאַטערינאָסלאַווער גוב.

די אָרטאָדאָקסיע, וועלכע איז אין דער קאָמיסיע נ י ט געווען פערטראָטן, האָט געהאַט חששות און ספקות בנוגע דעם רעגירונג צוזאַמענשטעל פון דער קאָמיסיע. די גדולי ישראל האָבן אַנדערש אויפגעפאַסט דעם צוועק און ציעל פון דער צוזאַמענגערופענע קאָמיסיע, זיי האָבן אָבגעשאַצט ריכטיג, אַז די רעגירונג וויל ניט בעראַטן וועגן געבן אידן רעכט, נור וועגן אידישע רעליגיעזע פראַגן, און היות ווי אַנדערע משכילים זיינען געווען אין ג ״ ס ט ׳נ י ט נאָענט צום רעליגיעזן אידנטום, חוץ אייניגע סימפּאַטיקער, און היות אין רעליגיעזע פראַגן זיינען די מיטגלידער פון דער קאָמיסיע איבערהויפּט ניט געווען קאָמפּעטענט, האָבן די גדולי ישראל חושש געווען, אַז עס קען פון די בעראַטונגען אין רעליגיעזע פראַגן מיט ניט קאָמפּיטענטע מענשן, ווערן ח״ו אַ מכשול אין דת. דאַדורך האָט דער גאון ר׳ יצחק אלחנן געשריבן אייניגע זייער וואַרימע בריף צו די מיטגלידער, און זיי אויפמערקזאַם געמאַכט אויף זייער אויפגאַבע און אויף דער גרויסער אחריות, וועלכע זיי טראָגן איצט פאַר׳ן כלל ישראל. באַזונדערס אינטערעסאַנט איז דער בריף צו ד״ר „הרכבי״ ז״ל פון פעטערבורג וועלכער איז אַמאָל געווען ר׳ יצחק אלחנן׳ס אַ תלמיד, און אַ שטיקל קרוב. דער בריף איז פאָרגעלעזן געוואָרן אויף די קאָמיסיע, און צוליב דעם זיינען איינגעלאַדן געוואָרן די גרויסע באַרימטע רבנים: דער גאון ר׳ ראובן פון דווינסק, הגאון ר׳ ליפּא פון מיר, און הגאון ר׳ אלי׳ לייזער פון ווילנא, דער שוויגער־פאָטער פון דעם באַוואוסטן און באַרימטן גאון ר׳ חיים עוזר גראָדזענסקי שליט״א פון ווילנא.

דער בריף צום געערטן ד״ר הרכבי ז״ל:

ב״ה ירח שבט תרל״ט.

כבוד י״נ הרב החה״כ אוצר המדע והתושי׳ כו׳ כש״ת מוהר״ר

א ב ר ה ם א ל י׳ ה ר כ ב י שיחי׳.

זה ימים אחדים אשר הגיע לאזני הבשורה כי הממשלה יר״ה קיימה ואשרה את כבודו הרם היות חבר אל ועד הרבנים בתור נבחר ממחוז ווילנא

ושמחתי מאד על כי הקים ה׳ את כבודו על׳ היות למליץ בעד עמנו ודתנו לפני הממשלה יר״ה׳ אשר בו בטח לבי כי יהי׳ ציר אמונים לשולחיו׳ ומיקרת הענין הנשגב והנעלה הזה אשר נתנה ההשגחה העליונה על שכמו אשר עיני כל בית ישראל צופיות על תוצאותיו הנכבדות׳ ומבטחוני הגדול על ידידותנו הנאמנה] ועל רגשותיו העדינות׳ כי לא יחשדני כי מסופק הנני חלילה בישרת לבבו בנוגע לחזוק דתנו׳ כמו כן ביתר חבריו הנכבדים אשר מרביתם נודעים לי המה׳ עם רגשותיהם הטובות לעמנו ודתנו׳ אולם לכבודו ידוע עד כמה חרדים כלל האומה הישראלית בכל עת שנקראו אסיפות כאלה מטעם הממשלה׳ אשר גורל דת קדשנו בידיהם׳ לשבט ולחסד׳ ומה גם עתה אשר בין הנבחרים לא נבחרו הפעם גם אחדים מגדולי הרבנים הגאונים׳ לזאת אין להתפלא עת רוח כלל אחב״י כים נגרש׳ תאבים׳ צמאים ונכספים לדעת תומת לבב הנבחרים שלוחי קהל עדת ישרון׳ למען תוכל לבטוח בהם כי ההצעות הדתיות אשר תציע הממשלה יר״ה לפניהם בכל השאלות הנוגעות ומסתעפות אל דרת קדשנו׳ כמו כן בענינים הנוגעים לדינים מפורשים או בלתי מפורשים אשר התרתם המה אך במקור התלמוד והפוסקים׳ ודרושים לעיון וחיקור דין של גדולי הרבנים הגאונים היודעים לאסוקי שמעתתא אליבא דהלכתא׳ וכל כיוצא בזה הנוגעים אל הדת׳ כי בכל אלה לא יעשו הנבחרים הנכבדים דבר׳ בלעדי שאלות פי והסכמת גדולי הרבנים המקובלים על לב כלל אחב״י.

ואם כי חלילה גם להכלל לחשוד הכשרים׳ אנשים רמי המעלה נבחרי ישרון כי יעשו דבר שלא כרצון משלחיהם׳ אולם מי ככבודו בקי בתולדות ימי עמנו׳ עד כמה מסרו כל אחב״י את נפשותם בעד קיום דתנו׳ עד כמה הורגנו גם בעד קיום ושמירת המנהגים הקדושים מורשת אבות׳ לזאת תדאג דעת הקהל אל אלה׳ בהיות עיני ולבבות הצירים הנכבדים יחיו׳ ביותר לפעול לטוב בענינים החומריים בעד עמנו׳ ומסבת זה אולי יעלימו עין מעט מאיזה ענינים דתיים אשר בהשקפה שטחית יתראו בעיניהם כקלי הערך׳ ובאמת המה נוגעים ומסתעפים לדינים חמורים׳ כמו כן ישנם כמה ענינים בדברי עמנו אשר בלי עיון והעמקה עליהם בבחינה עיונית יתראו כדברים של מה בכך׳ וכאשר יעמיקו שאלה בהם נמצאו כי יסודות אשר כל עמודי הדת והאומה יחד ישענו עליהם׳ על כל אלה תחפוץ דעת הקהל של כלל האומה הישראלית להיות בטוחים כי צירי הועד ילכו אחוזי יד עם גדולי גאוני דורנו.

אמנם כן׳ מרובים צרכי עמנו בדבר זכיותינו החומריים ומכל פרט ופרט יוכל להגיע לעמנו טובה רבה לאין ערך׳ אולם גם הורנו הנסיון של דברי ימי עמנו׳ כי יש לכל חפץ וענין תקוה׳ מונעים ומפריעים רבים כי יעמדו בזמן מן הזמנים נגד זכיותינו׳ עכ״ז מעוזם לא לעולם׳ ותקפם לא לדור ודור׳ מריא מי הדעת והסבלנות יעשו קציר כמו נטע׳ אולם ענין רוחני כי יחלש ויגוע׳ אז לא יקום ויתנער עוד׳ עד בלתי שמים לא יקיצו להפוך שפה ברורה לקרוא כלם בשם ה׳.

לזאת איפוא בל נוכל להאשים את דעת הקהל אם השקט בל יוכלו בכליון עינים ותוחלת ממושכה׳ לדעת עד כמה בטחונם חזק על ציריהם גם בהענינים המוסריים.

את בריתי אברהם זכרתי׳ ואמרתי ע״כ לפנות אל כבודו הרם במכתבי זה׳ להציע לפניו רחשי לבבות כלל אחב״י׳ ומדה מאושר אהי׳ אם בתשובתו הנכבדה יענגני בהבטחתו הנאמנה אשר מלבד רגשותיו הטובים לעמנו ודתנו אשר בטוח הנני על אלה׳ יבטיחנו כבודו ג״כ כי יהי׳ ציר נאמן בעד כלל אחב״י להטות גם את יתר חביריו הצירים הנכבדים לדעתו דעת נוטה׳ ודעת תורה של כלל האומה הישראלית׳

הן דברי ומעשי בני עמנו של התקופה האחרונה לא ישארו עוד חבושים בטמון ושקועים במצולות ים הנשיה׳ כל מעשי גדולי הדור ביחוסם אל הכלל ולעדתנו׳ חרותים יהיו בעט ברזל על ספרי תולדות דברי ימי עמנו׳ לזכרון עולם׳ ועד דור אחרון ידע ישראל מפעולות ציריהם הנכבדים ויתנו צדקותם לנצח כי חכמי לב׳ אבירי התבונה היו לצור מחסה ומעוז לדתנו ואחוזי יד הלכו עם אדירי התורה בכל דבר הנוגע לדת ודין׳

אחרי הדברים והאמת האלה לא אמנע לפני כבודו הרם איזה ענינים עקריים אשר יוכל היות כי הממשלה יר״ה תציע אותם או את שאיפותיהם לפני הועד הנכבד׳ או כי ימצאו המה בעצמם שעה מוכשרת ומסוגלת להציע אותם לסדר היום לפני הממשלה יר״ה׳

א) דבר הדוכאוונע רבנים אשר זה כמה שנים הורם עטרת משמרתם הגלוי׳ וכצל יתהלכו ובהסתר פנים׳ כבודו ידוע כי גם הממשלה יר״ה תרגיש כי רק הרבנים המומחים בידיעת התורה׳ המה הרוח החיה של האומה והדת יחד׳ ולו היתה משמרתם מקוימת וגלויה כי עתה רב טוב הביאו לבית ישראל גם בנטיות האומה בכלל ובכל מעשיהם החומרים׳ לזאת מה טוב יעשה הועד לבית ישראל אם ישתדלו להרים את מעלת ומשמרת הדוכאוונע רבנים משפל מצבם׳ להיות מוכשרים להתראות גלוי במשמרתם בקהל עדת ישרון׳

ב) דבר מאכלי כשר לאנשי חיל העברים העובדים בצבא׳ לו יפיקו רשיון הממשלה יר״ה׳ כי מותר לכל עיר להכיל את בני החיל העברים תמחוי כשר׳ הנה מלבד יקרת הדבר בעצמותו׳ הנה עוד בכח הרשיון הזה לקרב לבבות צעירי בני עמנו לבלי ישמיטו א״ע מחוקי עבודת הצבא הכללית׳ ובזה תסור חרפה מעל עמנו אשר היא כמסך מבדיל בין עמנו לבין זכיותינו כנודע׳

ג) דבר המלמדים אשר רק המה הרועים הנאמנים אשר ישקו את נערי בני עמנו מבאר התורה הק׳ התנ״ך וגפ״ת ובלעדם תפוג תורה חלילה׳ ואם יכבידו עליהם לתת עקזאמען ולהמעיט מספר שעות היום בלימודים׳ אזי אין לעמנו מלמדים להועיל אחרים תחתם׳ ומה איום ונורא יהיה גורל בני הנעורים באין מורים ומנהלים דתיים׳ כי יקום דור לא חנך בדרכי התורה והמצוה אשר הדבר הזה הוא נגד החפץ הטוב של הממשלה יר״ה ג״כ׳

ידעתי כי בחסד ה׳ בצל מלכי חסד הננו חוסים וגם משרתיו הצדיקים כלם עיניהם לטובה להגן על הדת בכלל מבלי בקש חלילה מאיזה עם חוסי שבטו איזה דבר הגורם רפיון הדת חלילה׳ לזאת תקותי תאמצני כי חפץ ה׳ יצליח בידי הועד הנכבד אשר נוסף על מחשבותיהם הטובות בנוגע להרחבת זכיותינו עוד יפעלו לטוב גם בעד רוחנית דתנו לשמרה מכל משמר לחזקה ולאמצה׳ כחפצם וכחפץ משלחיהם הלא המה כל בית ישראל׳

ובזה אומר שלום לו ולכל חבריו הנכבדים המעתיר בעד שלומם הטוב שזכות הרבים תהי׳ מסיעתם ועד נצח ינון שמם לברכה ולתהלה בקרב כלל ישראל כחפץ מוקירם ומוקיר ערכו הרם ביחוד מברכו מלונ״ח.

יצחק אלחנן החופ״ק.

עלבונה של תורה.

טרויעריקע צייטן האָבן זיך אָנגעהויבן פאַרן רעליגיעזן אידנטום. דער כבוד התורה איז ליידער, מחולל געוואָרן; די אַמאָליגע התלהבות פאַר אידישקייט איז געוואָרן אויסגעלאָשן; פרעמדע ווינטן האָבן זיך געטראָגן אין וועלט־חלל. אויב ישיבות און ת״ת עקסיסטירן נאָך ב״ה, האָבן אָבער געפעלט מענטשן, וואָס זאָלן זיך מקריב זיין אויסשליסליך אויפ׳ן מזבח התורה. עס האָט זיך געפילט אַ מאַנגל אין יונגע ענערגישע גדולים וואָס זאָלן זיך שטעלן בראש פון די תלמידי חכמים אין ישיבות, און אַהין אַריינטראָגן דאָס לעבעדיקע וואָרט, דאָס גאונות און יראת שמים, וועלכע עס פאָדערט זיך פון איינעם, וואָס איז פייאיק צו לייטן אַ ישיבה.

אויף פאַרשידענע קאָנפערענצן פון די גדולי הזמן, וואָס האָבן דאַמאָלס געלעבט, איז אָפט בעהאַנדלט געוואָרן די פראַגע, וועגן שאַפן אַ ״פאָנד״ פאַר יונגע גדולי תורה, זיי זאָלן קאָנען זיך ווידמען דעם לימוד התורה, ניט האָבנדיק קיין דאגת־הפרנסה.

זעלבסט פאַרשטענדליך האָט די אַקציע איבערגענומען דער גאון ר׳ יצחק אלחנן.

צופעליג האָט אין דייטשלאַנד אַ גביר צוגעשיקט 600 רובל צום גאון, אַלס שטיצע פאַר יונגע לייט לומדי תורה, וואָס זאָלן פייהיג זיין זיך אויסצו־בילדן אַלס גדולי־ישראל. דאַמיט איז געלייגט געוואָרן דער גרונד־שטיין פאַר דעם ״כולל פרושים״, און דער גאון האָט אָנגעהויבן צו רעאַליזירן זיין פלאַן, צו שאַפן אַ ״כולל״ פון איי ניג ע הונדערט גדולי ישראל.

מיט שמחה און חדוה האָט דער גאון זיך צוגעקיקט, צו דעם הייליקן גרויסן בנין, וואָס שפראָצט און בליהט. דער ״קול קורא״ וועלכן ער האָט צו־שיקט בכל תפוצות ישראל האָט געמאַכט אַ גרויסן רושם, און די מאַטעריע־לע לאַגע איז כמעט געוועזן ווי געזיכערט.

אָבער געוויסע משכילים אין יענער צייט, וועמען דאָס נייע מקום תורה איז געווען אַ לעבעדיקע פראָטעסט אויף אַלע זייערע פוסטע חלומות... האָבן אָנגעגורט זייערע לענדן און געשריבן פאַמפלעטן; דורך געמיינע בלבולים און און שקרים האָבן זיי געשטרעבט צו ערנידריגן דעם כבוד פון דעם נייעם מוסד. דער גאון איז געווען געצוואונגען אויף די געמיינע שקרים, פון די נייע פאַרזאָרגערס, און ער האָט פאַרעפנטליכט דעם באַוואוסטן מאמר ״עלבונה של תורה״ אין צייטונג ״המליץ״ שנת ת״רך, און שפעטער איז געדרוקט געוואָרן מיט אַ הוספה צום צייטונג ״הצפירה״ № 18 שנת תר״ך, בזה הלשון:

נאנח מלב קרוע ומורתח, אני נתבע לשפוך את נפשי לפני שלומי אמוני

ישראל, מעלבונה של תורתנו הקדושה ולומדיה ומחזיקיה בעתים הללו, השרויים בצער, בשפלות ובבזיון, מקול מחרפים ומגדפים, קול דמחיכין ומתלוצצין, ותולין בוקי סריקי בהנהגת הכולל פרושים מפה כדי להרס ולקעקע ולעקור משורש את החמדה היקרה והקדושה, תלמוד תורה של קהלת רבנן שיסדנו, ושאני נותן נפשי עליה בזקנתי, שכבר נהפכו מעי בקרבי לשמוע חרפת המתעסקים הישרים עמי, בכל העלילות והטענות של שוא שבודים ומפרסמים בוזי התורה ומשניאיה במכה"ע על המתעסקים הנכבדים, ועל כל מאן דעסקין באורייתא פה ובכל אתר מכחה של השתדלותנו, וזה כמה שנים שהולכים ומבזים ומשניאים, ולא נתקררה דעתם עד ששפכו קיתוניות של ליצנות רותחת והפחדות משונות בהמליץ שנה זו נומ' 7.

והנה בהיותי מעולם אוהב שלום ונוח לבריות ומכבד את כל אדם, כידוע לכל מכירי, הודעתי צערי כמה פעמים להמקבלים את כתבי פלסתר כאלה לפרסמם ברבים, ושטחתי כפי בבקשותי ותחנוני שלא יוסיפו לצער בכאלה זקן כמוני, שלפי דבריהם הם גם מכבדים אותי, אחרי שנתתי עדותי על ההנהגה, שהיא מתנהגת באמונה, ושהענין הקדוש יקר וחביב עלי מאד, ושהיא נחתכת על פי וברוחי, אבל לגודל צערי ומכאובי מוסיפים הם להטיל, קוצים בעיני, ולא עוד אלא שהוציאו כל רוחם בהתגלות לבם, בהפחדות איומות,

ע"כ אני פונה אליכם, אחי ועמי המחזיקים בברית תורתנו הק' הכתובה והמסורה לפרש לפניכם שיחתי,

הכל יודעים כי חיינו ואורך ימינו היא רק תורתנו הקדושה הכתובה והמקובלת בידינו, עליה מסרנו נפשנו תמיד, בכל העתות הרעות שקמו עלינו צוררים ושונאים מבית ומחוץ, מסרו נפשם על קדושת השם ית', בכל עת שבקשו לגזול מידינו את החמדה הגנוזה, או לשנות מחקותיה ומצותיה המפורשות מחז"ל המקבלים האמתים עליהם השלום, ואעפ"כ תמיד התאמתה בנו נצחיותנו הקשורה בנצחיות התורה; בכל עת ובכל מקום שעזבו את התורה, אם מפני גזירות חיצוניות או מפני הסתות ופתויים של מכחישי התורה שבע"פ שבקרבנו נעזבו הם ממנה וכלו מאליהם, וכמה הודרים דברי חז"ל (ברכות ס"א ע"ב), כפי שדרשתי באספתנו בארוכה בפעטערבורג: ת"ר פעם אחת גזרה מלכות שלא יעסקו ישראל בתורה בא פפוס בן יהודה ומצאו לר' עקיבא שהיה מקהיל קהלות ברבים ועוסק בתורה, א"ל עקיבא אי אתה מתירא מפני המלכות, א"ל אמשול לך משל, למה"ד לשועל שהיה מהלך על גב הנהר וראה דגים שהיו מתקבצים ממקום למקום, אמר להם מפני מה אתם בורחים, אמרו לו מפני רשתות שמביאין עלינו בני אדם, אמר להם רצונכם שתעלו ליבשה ונדור אני ואתם כשם שדרו אבותי עם אבותיכם, אמרו לו אתה הוא שאומרים עליך פקח שבחיות, לא פקח אתה אלא טפש אתה, ומה במקום חיותנו אנו מתיראין במקום מיתתנו עאכ"ו, אף אנחנו עכשיו שאנו יושבים ועוסקים בתורה שכתוב בה כי היא חייך ואורך ימיך כך, אם אנו הולכים ומבטלים ממנה עאכ"ו, אמרו לו לא היו ימים מועטים עד שתפסוהו לר"ע והבשוהו אצלו, אמר לו, פפוס מי הביאך לכאן, א"ל אשריך ר"ע שנתפסת על דברי תורה, אוי לו לפפוס שנתפס על דברים בטלים,

מפני חטאינו אבדנו כל חמודותינו ואין לנו שיור רק התורה הזאת, דכולה בה, והצילה אותנו משלוליתה של נהרות רבות ועצומות, בכל העתות והמקומות

שהעבירו מן העולם כמה אומות הקדמונים יחד עם כמה כתות שעמדו בישראל לטעון כנגד התורה ולומדיה, לשנות מצותיה ולגלות בה פנים שלא כהלכה שעליהם אמר דוד עה״ש ברוח הקדש: כרו לי זדים שיחות אשר לא כתורתך, כל מצותיך אמונה שקר רדפוני עזרני, כמעט כלוני בארץ ואני לא עזבתי פקודיך. התורה הזאת, שעליה מסרנו נפשנו תמיד והיא שעמדה לנו לחיותנו, היא רק התנ״ך, המשנה, הגמרא וכל מדרשי חז״ל והפוסקים, ועסק בתורה הוא הלימוד על מנת לעשות ולקיים את כל חקיה ומצותיה במעשה ובפועל, לפי ההוראה של מפרשי חז״ל המקבלים האמתים, וכמו שמברכים לעסוק בדברי תורה, ולא למוד גרידא, כפי דעת המשובשים ר״ל שהתורה היא רק ברוח ולא במעשה ח״ו.

ועל כן רק אלה שעסקו בתורה המקובלת שבידינו, והחזיקו לומדיה שהתנהגו בדרך אבותינו מעולם, הם שנשארו לפליטה גדולה, ולא כן כל אלה הכתות כהצדוקים וכמה מיני מינים שהתחכמו או הרשיעו, לשנות צורת ישראל ותורתו ממטבע שטבעו חכמינו הקדושים, מראשי חכמי המשנה עד הפוסקים, כבר כלו, או מתדלדלים והולכים לכליון, ולא השאירו רק שמם לקללה, וע״כ רק עסק התורה והחזקתה היא נפש אומתנו וחיתה.

כל מצוה וכל מדה טובה שמחזיקים ומתנהגים בה, היא נותנת חיים ותקומה לאומה הישראלית, אבל רק אם היא מקוימת כדת התורה ובשביל התורה שתתקיים, שהיא הנשמה הכללית, יש בידינו פרפראות רבות לחכמת התורה, כמו דקדוק לשה״ק ודרכי הלשון, וכהנה עוד ידיעות חביבות, כתולדות גדולי ישראל והרפתקאותיהן דעדו עליהן, המעידות ומודיעות עד כמה מסרו נפשם בעד עסק התורה וקיום האומה בה, אבל חלילה להעלותן, כשהן לעצמן, במעלות התורה, ומשנה מפורשת היא: קינין ופתחי נדה הן הן גופי הלכות, תקופות וגימטריאות פרפראות לחכמה, ר״ל לחכמת התורה.

וז״ל תשובת הריב״ש סי׳ מ״ה בשם רבינו האי גאון: תקון הגוף ומישור הנהגת האדם הוא עסק המשנה והתלמוד, ואשר טוב לישראל כי לימוד התורה יועיל מעצמו ולאחרים שכמותו ויועילו לעמי הארץ, כי ישרים דרכי התורה והמצוה כו׳ ולא תמצא יראת שמים ויראת חטא וזריזות וענוה וטהרה וקדושה אלא במתעסקים במשנה ותלמוד כו׳ עכ״ל.

דברי אמת וצדק הללו, שהתורה והחזקת לומדיה ברבים היא חיינו ונצחיותנו, וכל תקותנו בזה ובבא כולה בה, הדברים הללו שהיו גלויים וידועים לרבנן ותלמידיהון, הם שהעירו לבבותיהם של כל גדולי אומתנו מעולם, להרביץ תורה ברבים, להגדיל ולהאדיר כמותה ואיכותה בתלמידים רבים, ובפרט לעתות בצרה, בעת שחשכו עיניהם של ישראל מגזירות קשות ורעות, שראו בהן יד השם על עזבם את תורתו, כמו שכתוב: על מה אבדה הארץ וגו׳ על עזבם את תורתי, ואמרו בפתיחתא איכא רבתי: אימתי וכו׳ בשעה שישראל משליכין דברי תורה לארץ כו׳, כל זמן שקולו של יעקב בבתי כנסיות ובבתי מדרשות כו׳.

ריב״ז השתדל להציל את יבנה וחכמיה, בידיעתו כי בהצלת התורה והחזקתה יציל את האומה כלה, שהתורה שאינה נופלת תחת הזמן והמקום היא תחית כל מחזיקיה בכל זמן ובכל מקום, כן עמדו להם לישראל הישיבות שבבבל, נהרדעי ופומבדיתא, בזמן התלמוד ואחריהם בזמן רבנן סבוראי והגאונים, וכן

הלכה התורה בגלות לספרד צרפת ואשכנז, ולא פסקו ישיבות, שכל ישראל ספקו מזון לתלמידים מעולם, וכן התחזקו הגאון הקדוש בעל החת״ס ז״ל באתריה, ובארצנו ישיבת "וואלאזין" אשר יסדה הגאון מאוה״ג רבינו חיים זצ״ל, ועוד ישיבות קדושות בארצנו, כן באונגרן וגאליציא, שיצאו מהן רבנים גדולים גאוני ארץ, עמודי התורה והיראה, שבהם ישראל יתפאר.

